STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07751

DER MENTSH IN HOLEM

Abraham Baer Tabachnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. טאַבאַטשניק

דער מענטש אין חלום

די דיכטונג פון מאיר שטיקער

ניו־יאָרק, 1962

A. TABACHNICK

DER MENSH IN CHOLEM

THE POETRY OF MEYER STIKER

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA BY
MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK
I. LONDON, *President*

דער מענטש אין חלום לאַכט צו זיך אַליין;
עס איז ניט טאָג, עס איז ניט נאַכט.
ווער האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט?
ווער האָט מיך אויסגעטראַכט?
געלעכטער גייט אַריבער אין געוויין:
זאָל איך דאָ בלייבן שטיין צי ווייטער גיין?
ביימער־קאָרטשעס זיינען מיינע הענט.
גליווערים זיינען מיינע ציין.
דער מענטש אין חלום קערט זיך אום אַהיים
און רעדט צו זיך אַליין: איך שלעפּ
דורך זומפּן זיך, דורך שווינדלטרעפּ,
דורך שטערנסטעזשקעס און דורך שפּינגעוועב,
דורך הימלבלוי און שימלגרינעם ליים.
דאָס איז מיין היים.

מ א י ר ש ט י ק ע ר

א

דער דיכטער פון מאָדערנעם אידישן ליד

מאיר שטיקער איז דורכאויס אַ מאָדערנער פּאָעט, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געהערט צו קיין שום אידישער, אָדער ניט־אידישער מאָדערניסטישער פּאָעטישער שול אָדער ריכטונג. ער איז אַ מאָדערניסט מחמת דער צייט אין וועלכער ער לעבט, מחמת דעם „פּתן הזמן", דער „שלאָנג פון דער צייט", וואָס האָט אים „געביסן און געריסן". ער איז מאָדערן, נישט צוליב וואָסערע ניט איז טעכנישע אָדער פּראָזאָדישע דערפינדערישקייטן, נאָר מחמת דעם אופן ווי ער באַנעמט זאַכן, ווייל די נשמה־קאָנפליקטן, וואָס אויף זיי איז זיין ליד געבויט, זיינען מאָדערן, זיינען פון דער היינטיקער צייט.

ער איז מאָדערן אין זיינע אימאַזשן, אין דעם אופן ווי זיי קומען ביי אים אויף, מאָדערן אין זיינע פּסיכאָלאָגישע און פּאָעטישע קאָנטראַסטן. מען טרעפט ביי אים צווישן אַנדערע זאַכן, אַ געמיש פון נאַטוראַליזם, אָפט ברוטאַלן נאַטוראַליזם, מיט צאַרטער ראָמאַנטיק. ער איז מאָדערן, אַפילו צומאָל עקסטרעם־מאָדערניסטיש, אין דעם אופן ווי ער באַגייט זיך מיט שפּראַך. אָט איז זי באַ אים צאַרט און ראַפינירט אין קלאַנג, און אָט בכיוון רוי. ער איז אויך אויף זיין אופן אַ רעבעל, אָדער ווי מען רופט עס איצט אַ ניט־קאָנפאָרמיסט, און אַ שטאַרקער ליטעראַרישער מפונק, וואָס האַלט אים אין אַ מין קידער־ווידער מיט די אַנדערע אידישע דיכטער פון זיין דור.

ווי אוניווערסאַל־מאָדערן עס זאָל ניט זיין דער קלאַנג און דער גאַנג פון זיין ליד, איז ער טיף־אידיש אין די אינעווייניקסטע און איררעציאָנאַלע קוואַלן פון זיין פּאָעזיע, אין די זאַכן, וואָס ער האָט אין די קינדער־יאָרן דירעקט און אינסטינקטיוו איינגעזאַפּט פון זיין סביבה. ווי מיר וועלן שפּעטער זען איז דאָס לעצטע שיר ניט דער הויפּט־פאַקטאָר אין שטיקערס פּאָעזיע.

שטיקער'ס אידישקייט איז ניט קיין ספרים־אידישקייט, נאָר די געלעבטע אידישקייט פון אַ גאַליציש שטעטל. אויב מען טרעפט ביי אים מאָטיוון, השפּעות, אַלוזיעס פון חומש, פון די נביאים, פון חסידות, איז דאָס ניט פון ספרים, נאָר ווייל עס איז געווען אין דער לופט פון אַ אידיש שטעטל, אַ טייל פון דער אידישער וואָר, אַ טייל פון דעם אידישן אומגאַנג אין דער אַלטער היים.

מען טרעפט ביי אים השפּעות פון דער אידישער ליטורגיע, מער ווי פון דער אידישער ליטעראַטור. נאָך אַלעמען איז יעדער אידיש אינגל אין אַ גאַליציש

שטעטל געגאַנגען אין שול דאַווענען, אַפילו ווען ער איז ניט געווען קיין לערנער.

פאַראַן אין שטיקער״ס „אידישע לאַנדשאַפט״־לידער דער עלעמענט פון אידישן מיטאָס, אידישן פאָלקלאָר. אין די „דריי ליבע לידער״, וואָס מיט זיי הייבט זיך אָן דאָס בוך „אידישע לאַנדשאַפט״ הערט מען די אידישע גאַליציע רעדן, הערט מען דאָס חדוה׳דיקע געזאַנג פון שבת, באַזונדערס אין דעם דריטן קבלת־שבת ליד:

איך וואַרף אַוועק די עמער,
טו אָן אַ פריש־געוואַשן העמד,
דער קאָפּ איז אויסגעצוואַגן,
די באָרד איז אויסגעקעמט.
פרייד און רו
און ליכטיקייט ביסטו.

איך וואַרף אַוועק די שטיוול,
טו אָן די שבתדיקע שיך.
די אויגן מיינע לויכטן
ווען זיי דערזעען דיך.
פרייד און רו
און ליכטיקייט ביסטו.

מיט כלערליי געווירצן
איז אָנגעזאַפּט דער ווינט,
ווען איך גיי דיר אַנטקעגן
מיט מיין הויזגעזינט.
פרייד און רו
און ליכטיקייט ביסטו.

איך גיי מיט אַלע אידן
וואָד איין, וואָד אויס אַזוי,
מיר וועלן איבערלעבן
דעם לעצטן שבת־גוי.
פרייד און רו
און ליכטיקייט ביסטו.

ווי אַ מאָדערנער דיכטער פּאַר עקסעלאַנס, האָט ער אין זיך, נאַטירלעך, גאָרניט, אָדער כמעט גאָרניט, פון דער עלטערער, אַזוי־גערופענער קלאַסישער אידישער פּאָעזיע. אָבער אויך ביי די „יונגע" האָט ער ווינציק־וואָס איבער־גענומען. די „יונגע" — מאַני לייב, ראובן אייזלאַנד און באַזונדערס זישאָ לאַנדוי — האָבן אים גיכער באַווירקט מיט זייער באַגריף פון ליד, מיט זייער געשמאַק אין ליד, ווי מיט זייער ליד גופא.

משה לייב האַלפּערנ'ס און אויך משה נאַדיר'ס איינפלוס אויף שטיקער'ן איז געגאַנגען אָביסל טיפער, בפרט אין זיינע סאַטירישע און פּאָלעמישע לידער. אין זיינע ריין־לירישע לידער אָבער, אויב מען זאָל ניט רעכענען, וואו ניט וואו אַ ליד מיט אַ שאַרפער באַהאַנדלונג פון אַ משפחה־מאָטיוו, איז דער האַלפּערן־נאַדיר איינפלוס כמעט ווי ניט קאָנטיק. עס קען אויסזען ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר דער איינפלוס פון דעם גרויסן גאַליציאַנער פּראָזאַאיקער א. מ. פוקס, באַזונדערס אין לשון, איז אפשר דער קענטיקסטער אין שטיקער'ס לידער.

אין אָנהייב פון זיין שרייבן איז ער צוזאַמען מיט זיין חבר אבא שטאָלצבערג געווען באַאיינפלוסט פון פּרץ מאַרקישן, מלך ראַוויטשן און אורי צבי גרינבערגן. דער דאָזיקער איינפלוס האָט זיך אָבער ביי אים גיך אויסגעוועפּט.

די מאָדערנע ניט־אידישע וועלט־פּאָעזיע האָט אים באַאיינפלוסט מער ווי די אידישע. מען קען אָבער ניט אַרויפלייגן דעם פינגער און ווייזן: אָט דאָס ליד איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון עליאָט'ן, אָדער רילקען, פון באָדלערן, פון רעמבאָ אָדער ווערלענען. בלויז וואו־ניט־וואו דערהערט מען ביי שטיקער'ן קלאָר דעם אָפּקלאַנג פון אַ דייטשן, אָדער ענגלישן ליד, ווי למשל אין דער „באַלאַדע איציק מאַנגער", וואָס האָט אין זיך דעם קלאַנג און אָפּקלאַנג פון אַן אַלטער ענגלישער באַלאַדע און פון אַ ליד מיט עטוואָס אַן ענלעכן ריטם און רעפרייןביים אַמעריקאַנער פּאָעט עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן. מען פילט אויך וואו־ניט־וואו אין שטיקערס „לאַנדשאַפט" די השפעה פון עליאָט'ס „וויסטלענד".

שטיקער'ס קענטשאַפט פון דער וועלט־פּאָעזיע, וואָס פון איר האָט ער אגב פיל זייער געראָטענע פּאַראַידישונגען, איז צום בולטסטן קענטיק אין דער עלעגאַנץ פון זיין סטיל, אין זיין קולטיווירטן געשמאַק. ער איז בכלל אַ פּאָעט פון היבשער קולטור און ערודיציע. כאָטש ער געהערט צו די דיכטער צו וועמען דאָס ליד קומט ספּאָנטאַן, איז אָבער די באַהאַנדלונג פון מאַטעריאַל אין זיינעם אַ ליד קיינמאָל ניט געווען קיין אינסטינקטיוו־רויע. נאָך גאָר פרי האָבן זיינע לידער געהאַט פאָרם. ווען אַ סך פון זיינע בני־דור האָבן נאָך געשריבן קאָטשערעס מיט לאַפּעטעס האָבן שוין שטיקער'ס לידער זיך אויס־געצייכנט מיט פאָרם און אַפילו מיט אַ געוויסער שפּראַך־ווירטואָזיטעט.

זיין צווייט לידער־בוך, „אידישע לאַנדשאַפט“, האָט באַקומען די „לאַמעד־פּרעמיע“ פאַרן יאָר 1958. דערגרייכט האָט אָבער שטיקער צו באַדייטענדיקע פּאָעטישע מדרגות נאָך אין זיין ערשטן בוך, וואָס איז אַרויס אין 1945, האָט געהייסן פּשוט „לידער“ און וואָס איז, מיטן אויסנאַם פון זייער אַ גינציקן אָפּרוף פון ש. ניגער׳ן, גאַנץ פאַרשלאָפן רעצענזירט געוואָרן פון דעמאָלטיקע וועכנטלעכע און חודשלעכע פּרעסע־רעצענזענטן.

פאַראַן לידער אין שטיקערס ערשטן בוך, וואָס שטאַמען פון אַזוי לאַנג צוריק ווי פון די צוואַנציקער אָדער פריִע דרייסיקער, ווען ער איז געווען נאָך זייער יונג. ווען מען לייענט די לידער איצט, זעט מען, אַז זיי שטייען ניט אויף קיין קלענערער פּאָעטישער מדרגה אַפילו ווי די בעסטע לידער אין פּרעמירטן בוך. עס איז באמת ניט צו פאַרשטיין פאַרוואָס מען האָט אַזוי שפּעט דערזען שטיקערן.

דער פאַקט איז אַז צווישן די ווערטפולסטע זאַכן אין צווייטן בוך זיינען די עטלעכע לידער פון דעם ערשטן בוך, וואָס מען האָט כמעט ניט באַמערקט, ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט. כ׳מיין די לידער: „באָדלער צו זיין מוטער“, „אַ בריוו פון ווערלענען צו אַרטור רימבאָ“, דאָס שטאַרקע דראַמאַטישע ליד „דער פאַרטריבענער זון“, ווי אויך איינס פון די סאַמע בעסטע און אָריגינעלסטע לידער ביי שטיקער׳ן, דאָס ליד „ניט בלויז איבער מיר“, וועגן וועלכן עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן.

ער האָט גלייך ביים אָנהייב זיך אויסגעטיילט צווישן דער גרופּע יונגוואַרג, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דאָ אָנגעהויבן צו שרייבן. ער איז דאַן געווען איינער פון דער קליינער צאָל יונגע פּאָעטן, וואָס האָבן אויף דעם ענין פון שרייבן לידער ניט געקוקט ווי אויף עפּעס וואָס לאָזט זיך אין פרייע פערזן פריי גענומען „פונם הפקר“.

אמת, אין אָנהייב, אין עלטער פון וואָסער 17 אָדער אַכצן יאָר, האָט שטיקער, ווי די מאָדע איז געווען דאַן אין אַמעריקע, געפלירטעוועט מיטן פרייען פערז. ער האָט זיך געהאַט אַרויסגעלאָזט אויך אויף אַנדערע „געוואַגטע“ עקספּערימענטן. עפּעס האָט ער געהאַט אַ לאַנגע סעריע לידער אַזש מיט אַזאַ נאָמען ווי „אַווע מאַריאַ“. אינאיינעם מיט שטאָלצענבערגן האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אַ כאַליאַסטריש־צעכראַסטעטע פּאָעמע „אָסיען ווינטן“, געדרוקט אין ערשטן נומער „יונג־קוזניע“. ער האָט אויך געדרוקט דאַן לידער אונטער דעם מיידלישן פּסעוודאָנים דזשעני געלערשטיין און פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר האַלב־דערציילערישע לידער אויף אַמעריקאַנער טעמעס אין פרייע פערזן.

ער האָט אָבער אין גיכן אויפגעגעבן די פאַרשיידענע פּרואוון אין פרייע פערזן. אין צווייטן נומער „פּיילן" האָט ער אַפילו געדרוקט אַ מין מאַניפעסט געגן פרייען פערז. אַנשטאָט דעם פרייען פערז האָט ער גענומען קולטיווירן דאָס געגראַמטע ליד.

די שטערן פאַלן
ווי ניס און ווי טרויבן,
לכבוד דעם שטומען,
דעם בלינדן,
דעם טויבן.
דאָס גרינע אויג
פון אַ קראַסער קאַץ,
ברענגט די לבנה
צעשניטן
אויף אַ טאַץ.
און דער שטומער
דער טויבער
און דער בלינדער
שפּייזן דערמיט
זייערע ווייבער און קינדער.

דאָס איז אַן אויסצוג פון דעם ליד „צום אינגל פון גאַליציע", וואָס באַשטייט פון זעקס טיילן פון פאַרשיידענע ריטמען און וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מער ווי מיט 35 יאָר צוריק. די ערשטע טיילן פון דעם ליד, וואָס הייסט „אין וואַלד", לייענען זיך אַזוי:

די מוראַשקעס שפּילן ליבעס
אונטער שירעמלעך פון וואַסערגזשיבעס.
די האַרטע ביימערקאָרעס טראַסקען
אין דער זון, פוילערוילעס בליאַסקען.
פון בערעזעס זיסע זאַפטן רינען —
איין וואָרעם וויל אַן אַנדערן געפינען.
פון צופיל גליק די דרייצנפוסיקע שפּינען
שפּרינגען אום ווי אַראָפּ פון זינען.
די באָביצע שפּאַנט אַרום געמיטלעך
און ציילט אירע דראָבנע, געמאַסטענע טריטלעך.

ווען די באָביצע וועט בינדן די שפּענדלעך אין בינטלען
וועלן די ביימער רוישן און דער ווינט וועט ווינטלען.
אין איר פּאַרטוך וועלן פאַלן בארן און פלאַמען —
זי וועט טרעטן מיט די פיס איבער וואַסערשטראָמען.
פייגל וועלן זינגען און דער ווינט וועט זיך פרייען
און אַריבער דער באָביצעס קאָפּ זיך דרייען.
דער בער וועט קושן אירע צעריסענע שקראַבעס
און איר אָנטקעגנטראָגן זיינע שוואַרצע לאַפּעס.
די מוראַשקעס און די גאָלדענע פליגן
וועלן בייסן איר הויט און זיך קריגן און קריגן.
ווען דער באָביצעס אויגן וועלן פון מידקייט פינטלען,
וועט זי נעמען אויף די פּלייצעס די געבונדענע בינטלען —
און מיטן וואַלד, מיטן בער, מיטן ווינט זיך געזעגענען.
דער הימל וועט מיט גאָלדענע רענדלעך רעגענען.

(„לידער״, 1945, ז. 26)

ניט נאָר די דיכטער פון שטיקערס דור, נאָר אויך זייער ווינציק דיכטער פון עלטערן דור האָבן דאַן געקאָנט אַזוי שרייבן. עס איז אין די ציטירטע סטראָפן און אין די סטראָפן פון די ווייטערדיקע טיילן פון דער פּאָעמע „צום אינגל פון גאַליציע״, פאַראַן די פאַנטאַזיע און גראַציע פון אַ פאַרצייטיקן צויבער־מעשהלע. עס קען זיין, אַז דער מאָטיוו און די בילדער זיינען טאַקע אָנגעוויט פון עפּעס אַ מעשה וועגן אַ „באָביצע און אַ וואַלד״, געהערט אין די פריסטע קינדער־יאָרן. וואָס עס זאָל אָבער ניט זיין דער מקור פון דעם ליד — דאָס נאַטור־געמעל שאַפט דאָ די אַטמאָספערע פון אַ „מאַגישער לאַנד־שאַפט״, ווי עס הייסט אַן אַנדער ליד וואָס שטיקער האָט פון דעם ערשטן בוך אַריבערגעטראָגן אין צווייטן.

ב

די אידישע לאַנדשאַפט

דער חלום און דער בעז ....
צעטראמפּלט פון די שאַרפע קאָפּיטעס פון פערד.
די לבנה פאַרוואַרפט אַ ליילעך אויפן מת.

אין תוך געגומען איז די „אידישע לאַנדשאַפט״ ביי שטיקער׳ן אויך אַ מין מאַגישע לאַנדשאַפט. ניט מער, עס איז די מאַגיק פון געחלומטע חורבות פאַרגליווערט אין ליכט פון אַ „טויטער לבנה״, די גרויל־מאַגיק פון אַ לבנה, וואָס „פאַרוואַרפט אַ ליילעך אויפן מת״.

דער מעטאָד, אויב מען קען רעדן וועגן אַזאַ באַוואוסטזיניקער זאַך ווי „מעטאָד״ ביי אַ דיכטער, וואָס שעפּט פון אונטערבאַוואוסטזיין און וואָס קען וועגן זיך זאָגן מיט די ווערטער פון פּאַסטערנאַק׳ן אַז „וואָס צופעליקער אַלץ אמתדיקער לייגן זיך לידער אויס מיט אַ כליפּ״, — דער מעטאָד איז אייגנטלעך דער זעלבער אין די לידער פון דער „אידישער לאַנדשאַפט״, ווי אין די לידער וועגן דער „מאַגישער לאַנדשאַפט״.

אין דער פּאָעמע „לידער צום אינגל פון גאַליציע״ איז קענטיק אַן עלעמענט, וואָס קומט פון דערפאַרונגען און פאַנטאַזיעס העט פון די וויטע קינדער־יאָרן. דער עלעמענט פון די קינדער־יאָרן איז אָבער דאָ ניט קיין „דערמאָנונג״ וועגן עפּעס, ווי אין דער פרע־מאָדערנער פּאָעזיע, נאָר אַ דירעקטע איבער־לעבונג, ווי אין דער מאָדערנער פּאָעזיע פון דער וועלט, וואָס שרייבט־צו אַן אַבסאָלוטן, ממש מיסטישן און מעטאַפיזישן ווערט צו די דערפאַרונגען פון די קינדער־יאָרן, מיט זייערע מאָדנע שרעקן, אויסדוכטענישן, פאַרדרוסן, אַנטוישונגען און פאַנטאַסטישן אופן פון זען זאַכן.

די איבערלעבענישן פון די קינדער־יאָרן, די יאָרן פון „ווי און וואונדער״, צו באַנוצן אַן אויסדרוק אין אַ ליד פון פאַרשטאָרבענעם נחום באָמזע, געבן ניט נאָר דעם ספּעציפישן פאַנטאַסטישן קאָלאָריט צו שטיקערס „אידישע לאַנדשאַפט״ לידער, נאָר זיינען ממש זייער פונדאַמענט. אין זיי ליגט דער סוד פון דער אויטענטישקייט פון דער „אידישער לאַנדשאַפט״. באַזונדערס איז דאָס אמת בנוגע די חורבן־לידער ביי שטיקערן און אַנדערע לידער מיט אַ „אידיש־לאַנדשאַפטלעכן״ הינטערגרונט. די שרעק פון אַ אידיש קינד, דער

פּחד זיינער פאַר גויאישע זאַכן לאָזט זיך פילן אין די בילדלעכע אַסאָציאַציעס פון די לידער, אין דער חלום־פאַנטאַסטיק פון די אימאַזשן. אין „פאָרוואָרט צו אַ ניט־געשריבענער עפּאָפּייע”, אין ערשטן בוך, דערציילט שטיקער וועגן די מעשה׳ס און וואונדיירים, וואָס ער האָט זיך קליינערהייט אָנגעהערט פון „זיידענס מויל”. „יעדער וואָרט” פון די מעשיות, דערציילט שטיקער, „האָט דעמאָלט געלויכטן מיט וואונדער און ווייטיק און זיך אַריינגעשניטן אין אינגעווייד ווי אַן אָנגעגליטע שפּיז”. אין די בילדער און אימאַזשן, אין דער אויספורעמונג פון לידער פון דער „אידישער לאַנדשאַפט” בכלל, זיינען פאַרוועבט דער „וואונדער און דער ווייטיק” פון אידישע מעשיות. עס קומט אין דער אויספורעמונג צום אויסדרוק אידישער פאָלקלאָר, חומש־פאָר־שטעלונגען פון אַ אידישן חדר־אינגל און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן געזען אין אידישן און גויאישן אַרום מיט שרעק און וואונדער־גאַפונג פון אידישן קינד אין דער אַלטער היים:

די זעלבע פינצטערניש בייטאָג, ביינאַכט.
די שלעפּ, דער שלייער, די גאַנצע טראַכט
איז אויסגעוועבט פון שרעק.
באַוואַכט פון שדים, און פון שלעק,
פון צלמים און פון העק.

איך לויף — עס לויפן נאָך די בוימער:
אַ לאַנגע נאָנע, אַ פעטער כומר
און צלמים אין אַ ווילד־געמיש
פון ווייַרויך־וואָלקנס און פון פינצטערניש.
דאָס ליכט אין מיין לאַמטערן
האָט אויסגעצאַנקט נאָך איידער
עס האָבן זיך באַוויזן שטערן
איבערן דאַך פון חדר.
איך האָב געהערט די שטערן קלאָגן
אויף מיינע דרייצן אינגלשע יאָרן.
איך בין אַרויף אויף זייער וואָגן
און אַנטלאָפן צו יעקבין קיין חרן.

(„אידישע לאַנדשאַפט”, ז. 17)

די איבערלעבונג פון אַמאָל קריגט איר כאַראַקטער פון איצטיקייט אין דעם אויפקומען אירן אויפסניי, ווי אין אַ טראַנס אָדער ווי אין אַ שלאָף, ווי עס הייסט טאַקע אַ ליד פון דעם מין:

די ביימער שטייען מיט די קעפּ אַראָפּ
און מוראַשקעס און געל־און־גרינע פליגן
באַפאַלן זיי פון אַלע זייטן. די בלעטער זיינען אויסגענאַגט
און קליינע טשאַטעס קראָען האָבן אָנגעיאָגט
אין שפּעטן אָוונט און וואַרטן אויפן שפּראַץ פון טאָג.
דאָס איז אַן איינגעדרימלטער און טונקעלער וואַלד.
צוויי גזלנים מיט רויטע בערד און בלאַנקענדיקע העק
באַהאַלטן זיך אין שאָטן. די פאַרע פון די פערד איז קאַלט
און מיינע ליפּן זיינען ברויז און בלוי פון שרעק
נאָר ביידע אויגן בלייבן וואַך און מיין געהער
איז אָנגעשפּיצט צו יעדער פאַלנדיקער טרער.
דער חלום צוויקט די בריענדיקע הויט
און ביידע גזלנים, מיט שנאַפּדיקע טריט
קומען נענטער און נענטער מיט די העק פון טויט —
די אויגן רינען איבער פון דעם אָקעוויט.
און זייער אָטעם רייסט די גאַנצע שטילקייט אויף.
אין טיפן דרימל הער איך ווי איך לויף.

דאָס איז אַ טיף־אידיש ליד. די שאַרפקייט פון דער שפּירונג, די פאַנ־טאַסטישע אָנזעעוודיקייט פון די דעטאַלן זיינען טאַקע נאָר ווי פון אַ „חלום וואָס צוויקט די בריענדיקע הויט". עס איז אַ חורבן־ליד כאָטש עס רעדט זיך ניט אין דעם ליד וועגן חורבן. בכלל איז דאָס ליד „שלאָף" ניט וועגן עפּעס, נאָר עס איז דער „עפּעס" גופא. עס איז דער טראַדיציאָנעלער, כ'האָב שיר ניט געזאָגט קלאַסישער, אידישער פּחד, וואָס איז געקומען אַ אידישן פּאָעט „צו חלום". די איבערלעבונג און דאָס בילד האָט אין זיך די כאַראַקטע־ריסטישע מעטאַפאָריש־סימבאָלישע פאַרוויקלטקייט פון אַ חלום.

נאָך אַלעמען איז אַ אידישער פּאָעט, וואָס האָט אין די חורבן־יאָרן געלעבט אין אַמעריקע, „אין טרעבלינקע ניט געווען". בלויז געציילטע פּאָעטן האָבן פון דער ווייט געקענט דיכטן ניט נאָר וועגן חורבן, נאָר טאַקע געבן בפּירוש־דיקע חורבן־איבערלעבונגען און חורבן־זעאונגען, זען דעם חורבן מיט די „אייגענע אויגן". ווי קליין די צאָל חורבן־לידער זאָלן ביי שטיקערן ניט זיין און

ווי באַשיידן אַ פּלאַץ זיי זאָלן ניט פאַרנעמען אין דער קוואַנטיטאַטיוו־גרויסער אידישער חורבן־ליטעראַטור, צייכענען זיי זיך אויס אין דער ערשטער ריי מיט דעם, וואָס זיי זיינען אויטענטישע חורבן־זעאונגען און חורבן־איבער־לעבונגען. ער זעט דעם חורבן אין „חלום" און פאַר דעם „סצענישן הינטער־גרונט", משטיינס געזאָגט, פון דעם „חלום" דינען אים די אידישע „רואינען" פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, „רואינען", וואָס ער האָט געזען מיט די „אייגענע אויגן".

נאָך אין דעם ערשטן בוך האָט שטיקער אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן לאַנג פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס הייסט „רואינען" און וואָס לייענט זיך אַזוי:

אויב ס׳וועט ווער זאָגן אַז פון הויז איז אַ סימן פאַרבליבן
און די אויגנדעקלעך ניט אַרונטערלאָזן —
וועט מען אים נעמען ביי דער האַנט און ווייזן:
זע עס וואַקסן באַדיקעס און ווילדע גראָזן.
און ער וועט שווייגן ווי די איינגעזונקענע וואַנט:
דאָס אָרט איז דאָ אַזוי באַקאַנט און ניט באַקאַנט.
אָט דאָרט, וואו ס׳איז אַצינד דער ווילדער בוים פאַראַנען.
איז אַמאָל אַ טיש, אַ שטול, אַן אויוון און אַ בעט געשטאַנען.

איך שרייב דאָ ניט קיין ביאָגראַפיע פון מאיר שטיקער. עס איז אָבער דאָ כדאי צו פאַרצייכענען, ווייל ס׳העלפט צו פאַרשטיין דעם הינטערגרונט פון זיינע לידער, אַז אין דער עלטער פון 9 אַדער 10 יאָר האָט ער איבערגעלעבט דעם גאַנצן אידישן נע־ונד בזעיר אנפין. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער, מיט זיין משפחה, געוואַנדערט איבער די שטעט און דערפער פון פראַנץ־יאָזעפס מדינה, לויפענדיק אַלץ ווייטער פון די באָמבאַרדירטע און פאַגראָמירטע אידישע שטעטלעך אין מזרח־גאַליציע. דער „ווי און וואונדער" פון דעם וואַנדער־וועג איז מסתמא ערגיץ־וואו אין אים פאַרבליבן.

אָבער כאָטש שטיקער האָט כמעט ניט קיין לידער אויף דער טעמע פון יענע וואַנדער־יאָרן, קען מען בלויז מיט די איבערלעבונגען פון יענעם גלות־וועג דערקלערן די „וואונדיקע אַנגעצויגענקייט", דעם „פינסטערן גוואַלט", אַפילו פון זיינע ניט־חורבן לידער. די אימאַזשן און די ריטמען פון זיינע לידער צייכענען זיך כמעט שטענדיק אויס מיט זייער „פינסטערן גוואַלט", מיט „זייער שפּרענקלדיקן פלאַם", מיט זייער „שמעטערדיקן ווינט, וואָס ברענגט פאַר־וויסטונג און וואָס ריטשעט מאָרד".

דער חורבן־פּייזאַזש, דער פּחד וואָס טרייבט אים צו וועלן אַנטלויפן „ווי אַ מוראַשקע מיט שווינדלדיקע טריט" און זיך אויסבאַהאַלטן „אין די פאַלדן פון גראַניט" זיינען שוין דאָ אין די לידער פון זיין ערשטן בוך, אין די לידער פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. אין די לידער פון צווייטן בוך, וואָס די מערסטע שטאַמען פון נאָך דעם חורבן, איז דאָס געפיל פון פּחד, פון גרויל, פון אונטערגאַנג, מער דירעקט און קומט שאַרפער צום אויסדרוק אין די קאָמפּליצירטע און קאָנצענטרירטע מעטאַפאָרן.

די בילדער אין די בעסטע לידער פון צווייטן בוך ברעכן צומאָל אויס מיט עפּעס אַ פאַרלענדונגס־כוח, ווי „שניידנדיקע שלאַקסן און געוויטערן", אַזוי ווי אין דעם ליד „דער האַרבסט — דער אידישער קעניג ליד", איינע פון שטיקער'ס בעסטע לידער:

דער האַרבסט שטאַרבט אין פלאַקערדיקן בלעטערוואַרג,
אין אָפּגעגריזשעטן גראָז פון באַרג
און אין פויגלס פערלמוטערנע אויגן.
די געפלעקטע קעלבער ציטערן —
שניידנדיקע שלאַקסן און געוויטערן
האָבן זייערע פעלן איינגעצויגן...........
....
דער קרישלדיקער הימל ווייסט: דו שטאַרבסט....
....
דער בייזער רעגן פאַלט מיט קרומע שטעך
און ווינטן וואָיען מיט אַ פרעך
געלעכטער..............
....
דער הימל אין דער היים איז
צעפליקט און אָפּגעבליאַקעוועט ווי אַלטע שמות.
דאָס אָפּגעשפּאַרט פאַרמעגן
ווערט איינגעשוועקט אין זשאַווער פונם רעגן.
דאָס איז דער האַרבסט וואָס האָט
באַצוואונגען מיט געוואַלט דאָס פעלד, דאָס דאָרף, די גרויסע שטאָט
און גראָז און ליים און שטיין פון טראָטואַר —
אָנגעטאָן אין טרויער, איינגעהילט אין צער.
דאָס איז דער האַרבסט וואָס קייכט און פרייכט און קריכט אויף אַלע פיר
און לאַכט מיט אַ פאַרשפּיצט געלעכטער ווי אַ סאַטיר.

נאָך מער „באַצוואונגען מיט געוואַלט" און בייז־געוויטעריש איז די לעצטע סטראָפע פון דעם ליד:

איצט איז דער האַרבסט ווי דער אידישער קעניג ליר
וואָס וואַרט אין לאַכעס און אין שמאַטעס פאַר זיין טאַכטערס טיר.
זיין שטרויענע באָרד, צעפליקט פון צופיל וואָגל און טרויער,
פלאַטערט ווי דאָס מאַכיקע גראָז אין הימל און אין ווינט.
ער שטייט אַ גרייזגרויער ביים פאַררינגלטן טויער
פון דער ווידערשפעניקערן וואָס איז געווען זיין קינד.
. . . .
מיט אויגן שטאַרע און פאַרגלאָצטע ווי ביי סאָוועס
וואַרט ער ווי דער האַרבסט אויפן מלאך־המות.

איצט איז האַרבסט, וואָס וואַרט אויפן מלאך־המות. דאָס איז דער הויפט־טאָן פון שטיקער'ס פּאָעזיע פאַר די לעצטע אנדערהאַלבן צענדליק יאָר, אָדער מער. כאָטש אין אַ ליד, וואָס הייסט „מיט דער עדה", זאָגט ער צו אַז „אַצינד וועלן אַלע זינגען שירה" (געמיינט מסתמא די שירה לכבוד דעם אויפקום פון מדינת־ישראל), וועט ער „די שמחה ניט פאַרשטערן" — פאַרשטערט ער דווקא יאָ די שמחה, וואָס דריקט זיך אויס אומגעפער אין אַזאַ „שירה" ווי „אחת שתים, אחת שתים, גייט אַ חלוץ קיין ירושלים".

און כאָטש ער איז אַפילו מבטיח אין דעם דערמאָנטן ליד, אַז „אַ ניט־געוואוינטער צו פויקן און צו טאַנצן, צו לישענדיקע אויסגעשרייען", וועט ער „באַהאַלטן און זיך וואַרגן מיט (זיין) ביסל טרערן און זינגען שירה מיט דער גאַנצער עדה", האַלט ער ניט וואָרט און זינגט זעלטן, בלויז ווען דאָס קינסטלערישע געפיל פאַרלאָזט אים, „שירה מיט דער גאַנצער עדה".

ער נעמט אָן אין זיינע לידער בלויז די קאַטאַסטראָפאַלעווירקלעכקייט פון דעם חורבן. ער קען אָבער ניט אָננעמען די אַלע טרייסטערייען, די אַלערליי מעטאַפיזישע ספעקולאַציעס, פּאַראַפּסיכאָלאָגישע מיסטיפיקאַציעס און פּראָסט־פשוטע ליטעראַריש־טאַנדעטנע „אש־וישע" אַליטעראַציעס, מיט וועלכע געוויסע פירנדיקע אידישע פּאָעטן, ווילן רק „באַרעכטיקן גאָטס וועגן" פאַר זיין עם סגולה.

אמת, דאָס ניט וועלן, אָדער ניט קענען, זינגען שירה מיט דער גאַנצער עדה פירט אָפּט אַוועק שטיקער'ס ליד אויפן וועג פון טאָטאַלער יחידישער פאַר־צווייפלונג. עס פאַרהיט אים אָבער פון דעם הייטערדיקן שקר פון אַ סך

אידישע לידער אין אונזער צייט — פאַרהיט אים פון שמן זית, פון ניט־געשטויגענע עבר־אידיליעס, פון פאַלשע „נחמו׳ס״ און פון דעם אָבליגאַטאָרישן נצח ישראל לא ישקר.

שטיקער׳ס לידער אויף אידישע טעמעס פאַרמאָגן אין זיך דעם טראַגיזם פון וויסן, אַז ס׳איז פאַרפאַלן — וואָס איז אַמאָל געווען און וואָס עס האָט נאָך געקענט זיין — איז אַוועק מיטן רויך, וועט שוין קיינמאָל ניט זיין און קיין שום ראַציאָנאַליזאַציע אָדער מיסטיפיקאַציע קען ניט פאַרגיטיקן אָדער פאַרבייטן דאָס וואָס ער האָט אַלס איד אויף אייביק פאַרלוירן.

שטיקער׳ס שייכות צו דער אַלטער אידישער וועלט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין זיינע לידער, איז אַ דואַליסטישע, אַ געשפּאַלטענע, אַן אמבי־וואַלענטע. ער איז נאָך ניט גענוג ווייט פון איר צו געדענקן וואו זי איז אין דער אמתן געווען. איר טעם ליגט אים נאָך אויף די ליפּן. דאָס איז דער רעאַליסטישער מאָמענט אין זיין באַציאונג צו דער היימישער ווירקלעכקייט און צו דעם „אַמאָל איז געווען״.

דער צווייטער מאָמענט איז דער פּאַטאַלער און ראָמאַנטישער — דאָס ניט קענען פאַרגעסן די אַלערליי זאכן, דערפאַרונגען און געפילן, וואָס פאַרבינדן אים מיט דער „אידישער לאַנדשאַפט״, האַלטן, ווי ער דריקט זיך אויס, אין אַ „בייזער צוואַנג״.

ג.

די עלעגיע אויפן טויט פון סטרעטינער רבין

א ביישפּיל און אַ מוסטער פון דער דאָזיקער אידישער לּיריק אָדער לּיריק אויף אידישע מאָטיוון איז „די עלעגיע אויפן טויט פון סטרעטינער רבי׳ן". די „עלעגיע" איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1945 און כאָטש עס ווערט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט דער חורבן, איז דאָס דאָך אַ חורבן־ליד.

די „עלעגיע" שטעלט מיט זיך פאָר אַ קייט פון אָבזערוואַציעס און מעדיטירונגען ביי דער לויה פון דעם סטרעטינער רבי׳ן, דער רבי אָדער רב פון זיין שטעטל בויבערקע. אין די פיר טיילן פון דער „עלעגיע" ווערט אויף אַ דראַמאַטיש־לירישן אופן געשילדערט די טאָפּלקייט פון דער שייכות צום רבינ׳ס וועלט, וואָס פון איר איז ער שוין אַזוי פיל יאָרן אָפּגעפרעמדט און צו וועלכער ער האָט ניט וויסענדיק אַליין „פיל יאָרן... געגאַרט".

דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט אַ דראַמאַטישער ווענדונג צו זיך אַליין:

וואָס אַרט דיך וואָס זי טראָגט דאָס שייטל אָפּגעשאָרט
און ווישט די רויטע נאָז זיך מיטן פאַרטוך?
דער רבי ליגט אין אָרון שטייף און האַרט
און דיינע קינדער וויינען לאַנג און באַנג — וואָס אַרט דיך?
ווער האָט דיך דאָ אַהער געבראַכט? דו זאָגסט: „איך בין
אַרומגעגאַנגען אין דיין סאַמעטענעם שאָטן,
דערנאָך פאַרפּלאָנטערט זיך אין וועבעכץ פון דער שפּין
און דו האָסט אָפּגעצאַמט דיין וועג מיט שטעכעדיקע דראָטן.
איך האָב אַזויפיל יאָר געוואָרט, געגאַרט,
אין בלאָסן בליאַסק פון דיינע מילדע אויגן —
איצט ליגסטו אויסגעצויגן, שטייף און האַרט,
דער אָרון מיט דיין סאַמעטענער בעקעשע פאַרצויגן".
וואָס אַרט דיך וואָס דאָס שטערנטיכל איז צעפליקט
און טונקעלע פלעקן פאַלן אויף דער רביצינס געבלימטן פאַרטוך?
דו האָסט אינגאַנצן ניט באַדאַרפט מער קומען דאָ צוריק —
און אַז דו ביזט געקומען שוין, וואָס אַרט דיך?

די „טונקעלע פלעקן" אַרן אים אָבער יאָ ביז ווייטיק, ביז אַ „שניידן פאַסענווייז" פון אים:

איך בין געשטאַנען אַלע מיינע יאָרן
באַם שליאַך, וואָס פירט צום שאָטן פון דיין דאַך,
און איצט, באַם סוף פון צוויי און פערציק יאָרן,
וואַרף איך אַ רידל ליים איבער דיין דאַך.
איך שטיי מיט דיינע אייניקלעך און קינדער
אויף דער פאַרטרערטער און צעשטערטער ערד.
דער ווינט וואָס רירט קוים אָן די אייניקלעך און קינדער
שניידט פון מיר פּאַסנווייז און וואַרפט מיך אויף דער ערד.

בעת ער ווייסט דעם אמת, אַז ער איז „אָפּגעצאַמט מיט שטעכיקע דראָטן", אַז קיין שום פרומע אָנשטעלן און אשמנוס וועלן ניט העלפן, אַז ער זאָל זיך וועלן קענען „אויספּלאָנטערן פון דער וועבעכץ פון דער שפין", ווייסט ער אָבער אַז ער וועט שטענדיק:

אַרומגיין אינעם שאָטן פון דיין בייזער צוואַנג
און דורך די לעכער פון דער טוכלער צעל
זיך דראַפּן צום פאַרגראַטעטן געזאַנג.
וועל איך דאָס ביי דיר מאָנען? וועסטו מיר שענקען
אַן אויסגעצערטן שטרייף פון דיין פאַרקלערטן ליכט?
כ׳וועל ווערן גרוי און אַלט פון וואַרטן און פון בענקען,
ביז וואַקסן וועט דיין באָרד אויף מיין געזיכט.
וועסט שפּאַלטן פון די שטערן אָנגעשאַרפטע שפּליטער
און וואַרפן אויף מיין נאַקן שטיל און אומגעריכט,
און איך וועל וואַרטן מיט פאַרקלעמטע גלידער
און פאַרשעמטע אויגן — וואַרטן לאַנג:
די זון זאָל אויפקלויצן דעם נעפּל פון געזאַנג
און מיך באַפרייען פון דיין בייזער צוואַנג.

אויך די פּאָעמע „ווילדגראָז", וואו די „קללה פון פאַנאַנדערפאַל" איז „ווי אַ שניידיקער שטראַל", דאָס ליד „צפת", וואו עס ווערט אין אַ רייע שאַרפע בילדער איבערגעגעבן דער גייסט און פיזישער אויסזען פון דער אַלט־אידישער שטאָט, מיט אירע „טויזנט טרעפּ", וואָס „פירן אַרויף, אַרויף" מיט איר „שטיינערנעם אין סופיקן געוועב", וואו עס איז „ניטאָ קיין נידער" און וואו „אַלץ איז ווי עס שטייט אין סידור", דאָס ליד דער „שטראַלנדיקער ירדן", וואו איראָניע און סאַטירע „איבער די גרויסשטאָטישע לאָמבאַרדן" איז אויס־געמישט מיט דער זעאונג ווי „דאָס שטראַלנדיקע וואַסער (פון ירדן) שאַלט אין

גינגאָלדענעם שיין" און וואָס פֿאַרמאָגט אַזאַ סובטילע, מעלאָדישע שורה ווי „די פֿלייט קלאָגט לויטער ווען די זון פֿאַרגייט", און אין די אַנדערע „אידישע לאַנדשאַפֿט" לידער — איז שטיקער געטריי דעם אייגענעם „אָנגעשאַרפֿטן שפּליטער" פֿון גייסטיקע ווידעראַנאַנדן און דראַמאַטישע נשמה־קאָנפֿליקטן פֿון אַ מאָדערנעם אידישן פּאָעט. ער איז אין די לידער ניט נאָר געוואָגט נאָר אויך גרויל־האַפֿטיק, ממש ברוטאַל, כאָטש ער געהערט ניט צו די „נביאים וואָס וויינען ווי ביבערס". דאָס בילד, וואָס קומט צום „מענטש אין חלום" איז אַ בילד פֿון טאָטאַלן קאָסמישן חורבן, אַ בילד פֿון מאָוימדיקע סור־רעאַליסטישע וויסטעס איבער וועלכע עס פֿאַלן „צעשטיקטע שטראַלן" פֿון אַ לבנה, וואָס הענגט ווי אַ „חלף", און איבער וועלכע „די שטערן שרייען געוואַלד". דער „מענטש אין חלום" איז אייגנטלעך אויך אַ שטיק חורבן־משוגעת, אַ שטיק, משטיינס געזאָגט, „אידישע לאַנדשאַפֿט":

דער מענטש אין חלום לאַכט צו זיך אַליין:
עס איז ניט טאָג, עס איז ניט נאַכט.
ווער האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט?
ווער האָט מיך אויסגעטראַכט?
געלעכטער גייט אַריבער אין געוויין:
זאָל איך דאָ בלייבן שטיין, צי ווייטער גיין?
ביימער קאַרטשעס זיינען מיינע הענט.
גליווערים זיינען מיינע ציין.
דער מענטש אין חלום קערט זיך אום אַהיים
און רעדט צו זיך אַליין: איך שלעפּ
דורך זומפּן זיך, דורך שווינדלטרעפּ
דורך שטערנסטעזשקעס און שפּינגעוועב
דורך הימלבלוי און שימלגרינעם ליים.
דאָס איז מיין היים.

....

קרומע בייטן
שטאַרן שטום,
אויף שטאַכייטן
פּוילט די בלום
מיט גרינע צינגער
שמאָל און דין,
ווי די פֿינגער
פֿון אַ שפּין.

(ז. 30, א. ל.)

עס איז ניט אַזוי אַ סימבאָליש ליד, ווי אַ סימפּטאָמאַטיש ליד. מען קען ניט „דיכטן" וועגן חורבן און ווינציקסטנס אין פּראָצעס פון שאַפן דאָס ליד ניט משוגע ווערן. דער חורבן איז פאַר אַ אידישן פּאָעט ניט קיין זאַך, וואָס לאָזט זיך באַנעמען אויף אַ קלאָרן און לאָגישן אופן.

אויב אַ אידישער דיכטער האָט בפירוש געהאַט אַ חורבן־איבערלעבונג, אַ חורבן־חלום, אָדער אַ חורבן־זעאונג, זאָל אַפילו זיין אַז ער איז „אין טרעבלינקע ניט געווען", איז ער בשעת מעשה אַליין געוואָרן אַ שטיק חורבן. שטיקערס „מענטש אין חלום" איז דער מענטש אין חורבן. אין חלום זעט ער און פילט ווי אויף דער וואָר די חרוב־געוואָרענע היים, די פון דער־ערד־ביז־דעם־הימל, מיט אַלע „הימלישע הערשאַפטן", איבערגעקערטע „אידישע לאַנדשאַפט". איז אַ חידוש אַז ווען ער „כאַפּט" זיך אויף פון זיין חורבן־חלום רופט ער אויס:

זיס ווי שלאָף
וועט זיין די נאַכט פון אונזער סוף
און ווי אַ שניידנדיקער שטראַל
די קללה פון פאַראַנדערפאַל.
די אותיות אויף פאַרמעטן פון ספר תורות
וועלן גליען ווי צעפלאַמטע טויזנט־יעריקע מנורות
און אונז באַפרייען
פון שונאים בראַנדיקן כלי־זין.....

(ווילדגראַז, ז. 34, א. 5.)

אפשר טאָר מען ניט קומען צו אַזוינע אויספירן. זיכער ניט פון קיין נאַציאָנאַל־„קיומיסטישן" קוק. ניט יעדן איז אָבער באַשערט ניט צו פאַרלירן דעם בטחון אין אַנגעזיכט פון טאָטאַלן חורבן, ניט יעדער איז ווי לייוויק זוכה צו זען אויפקום אין אומקום. ביי ווייניקער באַרופענע דיכטער, וואָס פאַרקוקן זיך אויף גרויסע נאַציאָנאַלע דיכטער, קומט אַרויס דער „נחמו" בפירוש פאַלש. ניט וואָס זיי זיינען אויסן עמיצן אָפּנאַרן, נאָר וואָס זיי פּרואוון זיך קינצליך אַריינאַרבייטן אין אַ הייטערדיק אָפּטימיסטישן געפיל. עס נעמט זיך אפשר פון גייסטיקער פּחדנות, פון ניט קענען זיך אַליין זאָגן דעם אמת, פון ניט קענען בלייבן אויג אויף אויג מיטן אייגענעם גורל.

דאָס חורבן־ליד, ווי אַן אָבליגאַטאָרישער אָפּרוף פון אַן אידישן דיכטער אויף דער גרעסטער אידישער טראַגעדיע פון אַלע צייטן, ווי אַן אַקט פון עפנטליכער אבלות, האָט אויך שטיקער ניט אויסגעמיטן. ווי מען האָט געקענט

דערוואַרטן, זיינען אַזוינע לידער ביי שטיקערן זייער שוואַך ניט נאָר פּאָעטיש, נאָר אַפילו פּשוט רעטאָריש:

זיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שייטערהויפנס
אויף מיליאָנען (?, !) ערטער,
האַנס און ווערטער
זיגפריד און ברונהילדע
און פאַרברענט די שעפּעלעך די מילדע.

דאָס ליד, וואָס הייסט „שייטערהויפנס" (ווי דען וועט אַזאַ ליד הייסן?), פאַרענדיקט זיך מיט אַ „פלאַמיקער" טרייסט, מיט אַ מין געטלעכער „גוט־מאַכונג" פאַר די פאַרברענטע „שעפּעלעך די מילדע".

דער הימל איז מיט טרערן אָנגעזאַפּט,
די ערד איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט און אייטער.
פון די שייטערהויפנס, וואָס זיי האָבן אָנגעקלאַפּט, (?!)
שפּראַצט אין דער הייך אַ פלאַמענדיקע לייטער.

פון אַן אַנדער מין פריקרעקייט איז דאָס ליד „ווען סטרעליסק האָט געברענט". אין דעם ליד, האָט שטיקער'ן זיך פאַרוואָלט אַ זינג־טאָן „שירה מיט דער גאַנצער עדה" און האָט אָנגענומען גרינגע גראַמען פאַר עכטער אינספּיראַציע. דאָס ליד איז באַוואָרנט מיט אַ פירוואָרט אין פּראָזע, מסתמא צו מאַכן די „פּאָעזיע" באַגלויבטער: „אַרום אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז כמעט גאַנץ אַלט־סטרעליסק, דאָס גאַליצישע שטעטל, עטלעכע מייל פון לעמבערג, אַוועק מיטן פייער. אַ סך אידן פון בויבעריק, אַ פּאָר מייל אַוועק, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַפּראַטעווען, וואָס און וועמען זיי וועלן קענען. צווישן יענע גבורים (מיין אונטערשטרייכונג — א. ט.) איז אויך געווען מיין זיידע נח פאַגעט". נאָך דער פּראָזע און געאָגראַפיע הייבט זיך גלייך אָן די פּאָעזיע.

דאָס איז אַ סאָרט „פּאָעזיע", וואָס קען פאַר אַ דיכטער געווינען אַ ברייטן עולם פאַרערער, באַזונדערס צווישן לאַנדסלייט, וואָס געוויינלעך קענען זיי אַ ליד אין מויל אַריין ניט נעמען. די ראַזשינקע פון דעם גאַנצן ליד ליגט אין דער סטראָפע, אין וועלכער די באָבע ענטפערט דעם זיידן, צי זי וויל די סטרעליסקער נשרפים, וואָס די בויבעריקאַנער „גבורים" האָבן אָפּגעראַטעוועט,

אַריינגעמען צו זיך אין שטוב, אָדער מען זאָל זיי אָפּפירן אין דער בויבערי־קאַנער שול:

די באָבע האָט געשוויגן
אַ רגע און ניט מער
און ס'האָט זיך אין אַ דימענט
פאַרוואַנדלט איר אַ טרער.

די דאָזיקע סטראָפע, וואו די באָבע שווייגט אַ רגע און ניט מער, כדי עס זאָל זיך אין אַ דימענט פאַרוואַנדלען אירס אַ טרער, איז ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט „טו קיוט פאָר וואָירדס". די שורות האָבן ווי געוואוסט, אַז זיי וועלן אויסנעמען און אויפגעלייגטע זיך אַליין געפּאַטשט בראַוואָ פאַר דעם זיכערן „סוקסעס" און פאַר דעם כשרן אידישלעכן איינדרוק וואָס זיי וועלן מאַכן. איך גלויב, אַז ערגעץ ליגט אין דעם ליד אַ מוסר־השכל פאַרן אידישן פּאָעט...

עס איז כדאי דאָס ליד „ווען סטרעליסק האָט געברענט" פאַרגלייכן מיט שטיקערס אַנדערן „זיידע־באָבע" ליד מיטן נאָמען „קבר אָבות" (ז. 33, א. ל.), וואָס האָט אויף זיך דעם שטיקער־חותם פון ניט געפּעלשטן געפיל און פאַרשטעלונג און וואו אַ גאַנצער קנויל פון משפּחה־באַציאונגען איז געשילדערט שיר ניט מיט ברוטאַלן עקספּרעסיאָניזם. אָנשטאָט דער פּסעוודאָ־אידיליע און די מעלאָדראַמאַטישע „גבורים" פון „ווען סטרעליסק האָט געברענט" פאַרמאָגט דאָס ליד „קבר־אָבות", אויסער אַלע שילדערונג־מעלות, נאָך אַ מין מאַקאַבר־הומאָר.

ד

מיט דער לינקער האַנט

אַזוי ווי דער בלענד
פון אַ הייסער שווערד,
איז מיין בליק געווענדט
אויף אייער ערד.

אין דער אָפּטיילונג „אידישע לאַנדשאַפט" זיינען פאַראַן דאָס רוב פון שטיקערס לידער, וואו עס קומט צום אויסדרוק זיין אידישער באַוואוסטזיין און אונטערבאַוואוסטזיין. אין די לידער געפינט זיך מער ווי אַן אַני־מאַמין. עס איז אַ וואָרצלדיק רעאַגירן אויף זאַכן מיט עפּעס אַ מין אידישער קדמנותדיקייט, ווי אין דעם ליד „אַ מענטש אין חלום", באַזונדערס אין די בילדער פון דעם דריטן און פערטן טייל פון ליד; אין דעם ליד „צפת", וואו די אימאַזשן זיינען אַזוינע „סידורדיקע" און וואו פון „לעכער און שלשלתדיקע וועגן עלטער זיידעס קומען אַנטקעגן" און אַנדערע „אידישע לאַנדשאַפט" לידער.

אין די לידער ווידער פון דער אָפּטיילונג „מיט דער לינקער האַנט" קומט צום אויסדרוק שטיקערס עסטעטישע קרעדאָ. ווי ביי יעדן וויכטיקן דיכטער, וואָס האָט אַליין דערגרייכט באַדייטענדיקע עסטעטישע מדרגות, איז דאָס אַ וויכטיקע אָפּטיילונג, אָפּילו ווען די לידער אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג שטייען ניט שטענדיק אויף דער זעלביקער פּאָעטישער הויך ווי די לידער פון אַנדערע אָפּטיילונגען.

אין דער אָפּטיילונג „מיט דער לינקער האַנט" קומט צום אויסדרוק אַזוי צו זאָגן די לינקע, נעגאַטיווע זייט פון שטיקערס עסטעטישע קרעדאָ. מיט געוויסע אויסנאַמען זיינען די לידער „געווענדט" ווי „דער בלענד פון אַ הייסער שווערד" קעגן די „מחבלים" און פאַרדאַרבער פונם גאָרטן פון פּאָעזיע, קעגן די וואָס שטיקער רופט „פאַלשע נביאים", „פאַלשע מקוננים און מוסר־זאָגער", „טרובאַטשעס און באַראַבאַנטשיקעס".

די פּאָזיטיווע זייט פון דער עסטעטישער קרעדאָ, אָדער ריכטיקער, דער גלויבן אין דער דערהויבענקייט פון דער פּאָעזיע, איז אויסגעדריקט אין אַ צאָל לידער אין אַנדערע אָפּטיילונגען — אין אַזוינע שטאַרקע לידער ווי „אויפן טויט פון יוסף ראָלניק" מיט דעם טרעפלעכן זאָג: „מיט אַזאַ שטיל־הכנעהדיקע טראָט איז קיינער ניט געגאַנגען נאָך צו גאָט", אין די לידער

צו און וועגן זישאַ לאַנדוי׳ן, מאַני לייבן און אַנדערע אידישע און ניט־אידישע פּאָעטן. אין די דאָזיקע לידער צו פּאָעטן, עמאָציאָנעל־לירישע, איז אויך דירעקט און אומדירעקט אויסגעדריקט שטיקער׳ס קוק אויפן ווערט און וועזן פון פּאָעזיע בכלל און פון אידישער פּאָעזיע בפרט, ווי אין דעם „טרויערליד מאַני לייב״, וואָס איז דאָס קירצסטע צווישן זיי:

נאַכט און טרויער און גרויער שטיין
זינגען אינאיינעם דאָס ליד פון פאַרגיין.
וואָלקנס האָבן די פרייד פאַרווייט
און וויינען, וויינען שטילערהייט:
„איצט אין דער פינסטערער, דרייצענטער שעה
פאַרבייטן מיר שטענדיק דאָ מיט ניטאָ,
זילבער פון שטערן מיט שטויב פון ערד,
בליאַסק פון לבנה מיט זשאַווער פון שווערד,
די פלייט מיט דער טרובע, דאָס בלוט מיט ליים״.
דאָס מידע פלייש איז צוריק אין דער היים.

די לידער אין דער אָפּטיילונג „מיט דער לינקער האַנט״ זיינען עטוואָס לויזער און ווייט ניט אַזוי ליריש. זיי זיינען מער עפּיגראַמאַטיש, פּאָלעמיש, סאַטיריש און אַ פּאָר טראָגן אַפילו דעם כאַראַקטער פון אָפענע פּאַראָדיעס, שפּראַכלעך זייער קונציק אָנגעשריבן, (זע למשל „ליד״, ז. 130, א. ל.). עס זיינען אָבער פאַראַן אַ פּאָר לידער פון ערנסט פּאָעטישן באַטייט און עס איז שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס שטיקער האָט זיי אַריינגענומען אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג.

עס זיינען למשל פאַראַן לידער, וואו דער פּאָעט איז זיך צומאָל מתנצל פאַר זיין עסטעטיזם, פאַר זיין ניט זינגען „שירה מיט דער גאַנצער עדה״, אין אַ צייט פון הרת עולם. אין דעם ליד „אַלטע בלעטער״ איז פאַראַן אי איראָניע, אי ווייטיק אין דעם זאָגן, אַז ער האָט „אָפּגעשפּאָרט״ אַ „קאַלטע מינע צום זיידנס סידור און דער באָבעס תחינה״ און אַז נאָך דעם ווי זיין „אויג האָט אויסגעגלעט די הרודעס פון האַרבע ווערטער און נקודות טרעט ער

.........אויפן גלאַטן שניי
באַם הויז פון סטעפאַן מאַלאַרמיי,
און ווען תחינות און סידורים ברענען
מורמל(ט) (ער) סטראָפן פון ווערלענען.

עס איז פֿאַראַן אַ ביטערער זעלבסטשפּאָט אין די שורות. אין אַ פֿריערדיקער סטראָפֿע טרעפֿט מען אַזאַ אויסדרוק „די אַלטע בלעטער וואָס פֿלעגן שמעקן מיט טאַבאַק און מיט טרערנפֿלעקן". די דאָזיקע דערמאָנונג וועגן די „אַלטע בלעטער", באַזונדערס דער אויסדרוק „טרערנפֿלעקן" געבן דעם טאָן און זין פֿון ליד. עס איז קלאָר אַז דאָ האָט מען צו טאָן ניט מיט עסטעטישער פֿאַרריסענקייט און האַרצלאָזן גלייכגילט צו דעם, וואָס „תּחינות און סידורים ברענען", ווי דאָס האָט געוואָלט האָבן איינער פֿון די שפּאָגלנייע „שומרי חומות", נאָר מיט אַ ווייטאָקדיקער רעאַליזירונג פֿון טראַגישער אָפּגעריסנקייט פֿון דער „עדה". איך וואָלט אַפֿילו געזאָגט אַז עס איז פֿאַראַן באַוואוסטזיניקער גראָטעסק אין דעם וואָס אין צייט ווען „סידורים און תּחינות ברענען" מורמלט ער, אַן אייניקל פֿון אַ גאַליציאַנער אידן מיטן נאָמען זישאָ מרדכי שטיקער, „סטראָפֿן פֿון ווערלענען".

אויך אין אַנדערע לידער אין דער אָפּטיילונג „מיט דער לינקער האַנט", וואָס אין אַלגעמיין גענומען זיינען זיי מער זאָגעריש און אַריינזאָגעריש ווי זינגעריש, ווערן ניט נאָר אַנדערע, נאָר ער, דער מחבר אַליין, ניט געשאַנעוועט. אין דעם ליד „געשפּענסט", ז. 158, זאָגט ער וועגן זיך:

דער דינער זאַפֿט פֿון ווילדן קרייטעך
מיט גרינעם גיפֿט מיינע בלוטן מישט.
גוטס אויף שלעכטס, ווייס אויף שוואַרץ פֿאַרבייט איך,
און האַס האָט מיין געוויסן אָפּגעווישט.
מיין שיף געאַנקערט אין אַ פֿרעמדן באָרטן,
דער קאָמפּאַס — ווי די מאַסטן — איז צעשטערט.
די ברוכשטיקער אין שליימיק וואַסער, בלומען אין מיין גאָרטן —
און זינדיק איז מיין יעדער טראָט אויף דער ערד.
דער הייסער שוואונג פֿון מעוו און אַלבאַטראָסן
פֿאַרגליווערט רוט אין מיינע הענט און פֿיס.
אין דער אַליי פֿון בייזקייט און פֿאַרדראָסן
בין איך ווי אַ געשפּענסט — שרעקנדיק און מיאוס.

פֿאַראַן אין דער אָפּטיילונג „מיט דער לינקער האַנט", אויך אַזוינע לידער וואו דער גאַנצער ענין פּאָעזיע ווערט אָפּגעפּרעגט. נאָר גובר איז פֿאָרט דאָס „גאָרן", אַז אין „גרויען אַש פֿון דער אימעניע" זאָל זיך „צעזינגען ווי אַמאָל" דער „פֿויגל פֿעניקס מיט די אויגן בלוי ווי שטאָל". ער לייגט זיך ניט קיין

פייגעלעך אין בוזעם, אַפילו ניט קיין פעניקס פייגעלעך, וועגן דער אייגענער אומשטערבליכקייט:

איך מוז זאָגן פראָסט
פון מיר וועט פאַרבלייבן
בלויז שטויב וואָס האָרבסט פאַרבלאָזט.

(ז. 155, א. ל.)

פונדעסטוועגן גלויבט ער נאָך אַלץ אַז דאָס ליד איז דער טייערסטער חפץ אין דער אידישער „אימעניע". אַפילו איצט ווען „זשאַבעס קוואַקן און זשוקעס זשומען און דיכטער באַלאַקן פאַר דריי גראָשן מזומן", איז דאָס אמתע ליד „גאָטס גאָב". אין דעם ליד, וואָס הייסט טאַקע „גאָטס גאָב" זאָגט ער אַז כאָטש ער האָט זיך

...........געווערט און ניט געוואָלט
האָט גאָט פאַרשווענדעריש מיר אויסגעצאָלט
און מיט אַ פרייער האַנט און פולער גאָב
געוואָרפן גאָלד און זילבער אויף מיין קאָפּ.

(ז. 64, א. ל.)

דאָס גאָלד און זילבער מיט אַ פרייער האַנט געפינט מען אין דער וויכ־טיקסטער אָפּטיילונג פון בוך „אידישע לאַנדשאַפט", אין דער אָפּטיילונג „אין שענק פון מיין חלום"; עס איז אין איר פאַראַן שטיקער'ס בעסטע לידער, סיי די וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די 10־12 יאָר פאַר דעם דערשיינען פון זיין צווייטן בוך, סיי אַ צאָל געקליבענע לידער פון דעם ערשטן בוך.

ה

אין שענק פון מיין חלום

פון קאַרשנביימער פאַלט אַצינד דער צוויט
און פונקען שפּריצן פון דער סאַרנעס טלאָען
פאַרחלשט וועל איך ווידער נאָכגיין אירע טריט
און איינזאַפּן איר אָטעם אין שפּעט־אָווּנטיקע שעהן.
איך וועל ווידער אַנטלויפן פון דעם עולם התוהו,
וואו אַ בוים איז קיין בוים ניט און די גרויע
הימלען האָבן איבערגעצויגן
מיט סאַזשע מיינע אויגן.......

פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע
„דער סאַרנעס טלאָען"

אין דער אידישער פּאָעזיע זיינען מסתמא פאַראַן גרעסערע לידער — לידער וואו עס ווערן געשטעלט און געלייזט טיפערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, לידער פון אַ ברייטערן און טיפערן מענטשלעכערן פאַרנעם און באַנעם, אָבער עס זיינען ניטאָ קיין סך לידער אויף אידיש, וואָס זאָלן אויף זיך אַזוי טראָגן דעם חותם פון פּאָעזיע. ווען מען לייענט שטיקערס לידער אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג, כאָטש מען האָט אויסצוזעצן דאָ און דאָרט קעגן אַ וואָרט, אַן אויסדרוק און אַפילו קעגן אַ ליד, פילט מען די גאַנצע צייט, אַז מען געפינט זיך אין גבול פון עכטער און אינספּירירטער שאַפונג. די אומגעריכטקייט און אָפטע רייכקייט פון בילדער איז איבערראַשיק. די חידושלעכע אימאַזשן צינדן זיך מיט זייער סודותדיקייט, מיט זייער איבּ־טואיטיווער דערקענטעניש. דאָס זיינען אימאַזשן, וואָס מען קען ניט צוטראַכטן, זיי מוזן קומען פון זיך אַליין, פון אַ טיפן און געהיימען קוואַל.

שטיקערס לידער דאַרף מען לייענען מער ווי איינמאָל. מען דאַרף זיך צוגעוואוינען צו זייער טונקלקייט, מען דאַרף געפינען דעם שליסל צו זייער אָפּטער פאַרשיפּרירטקייט און פאַרבאָרגנקייט. אָפט כאַפּט מען ניט באַלד דעם זין פון אַ בילד, אָדער אימאַזש. איידער אָבער מען אָריענטירט זיך שכלדיק אין זיינס אַ ליד, דערפילט מען דעם אָרגאַנישן, כאָטש פאַרבאָרגענעם מקור פון ליד, דערפילט מען ווי עכט עס איז דער פּסיכאָלאָגישער און פּאָעטישער געוועב פון דעם ליד:

ניט בלויז איבער מיר ווען דער שטורעם רוישט,
ווען די וואָלקנס הענגען שוואַרץ און אָנגעפּוישט —
אויף די בערג ליגט דאָס גראָז נידעריק און קאַלט
און די פלאַכטעס מאָך אויף די ביימערקאָרטשעס אין וואַלד
זיינען ווי איבערגעוואַקסענע שוואָמען אין רעגן,
און די באָביצע וואָס בלאָנדזשעט אויף די וועגן
אין אַן אויסגעבעטלטער קאָלדרע און אין זעק —
ניט בלויז איבער מיר גייט אויף איר שרעק
און דאָס שטומפּיקע קריצן פון אירע צוויי פּאָדערשטע ציין.
ווען עס הייבט אָן דונערן און בליצן
ליגט זי איינגעקאָרטשעט אונטער אַ שטיין
און ציטערט אין קעלט און אין היץ —
און ציילט אַיעדן דונער און ציילט אַיעדן בליץ.
איר לייב איז אויסגעווייקט און די אָדערן ביי אירע אויגן
זיינען ווי דינע דרעטלעך — שטייף און אָנגעצויגן.
אין אירע נאַסע, ברודיקע האָר פּלאַטערט דער ווינט —
און דער רעגן רינט.
און ליגנדיק אַזוי אַן איינגעקאָרטשעטע אונטער אַ שטיין —
ווערט זי איינגעשרומפּענער און ווי אַ פּוילערוילע קליין.
די אויגן ווערן מוטנע טייכעלעך, ריקעלעך די הענט
און די בלויע אָדערן וואָס האָבן אויף איר לייב געברענט
ווערן קאַלט, ווערן וואַסער, ווערן קויט —
די באָביצע איז טויט.

די בילדלעכקייט אין דעם ליד, וואָס געפינט זיך אגב נאָך אין ערשטן בוך, האָט אין זיך עפּעס פון פּאַרצייטיקע מיטאָסן. די היימישע געוויינלעכע ווערטער לייגן זיך אויס אין אַזוינע ניט־געוויינלעכע, עקזאָטישע שורות. דאָס גאַנצע ליד לאָזט זיך ניט דערקלערן מיט רעאַליסטישער אָבסערוואַציע, כאָטש די דעטאַלן זיינען אַזוינע רעאַלע און וויזועלע. די קינסטלערישע פּאַראַלגעמיינונג, דאָס קאָנצענטרירן די גאַנצע האַרבסטיקע לאַנדשאַפט, אין דעם געשטאַלט פון דער באָביצע, איז באמת אַן אַקט פון פּאָעטישער אינספּיראַציע.

דער ריטם אין דעם ליד איז אַ פּלייציקער, שטאַרקער און אָרגאַנישער, אַזאַ וואָס פּאַסט צו דעם בילד. אין דער ערשטער סטראָפע רייסט זיך ניט איבער די איינאָטעמדיקייט פון דעם ריטם אויף גאַנצע 9 שורות און האַלט ווי אין אַ ראַם דאָס גאַנצע האַרבסטיקע בילד.

ווי אַזוי דאָס ליד איז אויפגעקומען, וואָס איז געווען דער אָנרעג פון דעם ליד, ווי אַזוי די באָביצע, דאָס בפירוש מיטאָלאָגישע געשטאַלט, וואָס פיגורירט נאָך אין די לידער „צום אינגל פון גאַליציע“, איז געבוירן געוואָרן אין דער פאַנטאַזיע פון דעם דיכטער, וועט אפשר, ער, דער דיכטער אַליין, ניט קענען ענטפערן. יעדער לייענער וועט אויפנעמען דאָס ליד אַנדערש. יעדער לייענער פון פּאָעזיע וועט אָבער דערפילן די פּאָעטישע אויטענטישקייט פון דעם חידושלעכן ליד.

ווי איך האָב שוין באַמערקט איז ניט שטענדיק לייכט זיך צו דערגראָבן צום מקור פון שטיקערס מעטאַפאָרישער אויספורעמונג פון אַ ליד. אפשר וואָלט דאָס אַ געשולטער פסיכאָאַנאַליטיקער געקאָנט טאָן. מען דאַרף אָבער ניט זיין קיין פסיכאָאַנאַליטיקער צו דערפילן, אַז די מעטאַפאָרע ליגט אין עצם פון זיין באַנעם פון זאַכן, אין זיין אופן פון פאַרוואַנדלען די וואָר אין פּאָעזיע. אַ פסיכאָאַנאַליטיקער וואָלט אפשר געזאָגט, אַז די מעטאַפאָרע איז ביי אים אַ פסיכישע נויטווענדיקייט, אַ מין אופן פון אַנטלויפן פון זיך אין אַ וועלט פון קינסטלערישער פאָרשטעלונג.

עס זיינען אָבער לחלוטין ניט נויטיק די אַלע פסיכאָלאָגישע אָדער פסיכאָ־אַנאַליטישע ספעקולאַציעס פאַרכאַפּט צו ווערן און עסטעטיש באַווירקט צו ווערן פון שטיקערס אַן אימאַזש, וואָס אַפילו, אַז ער האָט ניט קיין פּראָטאָטיפּ אין דער נאַטור, איז ער אָבער רעאַל געגוג ווי אַ שאַפונג פון דער דיכטער׳ס פאַנטאַזיע, ווי אַ סימבאָלישער און מעטאַפאָרישער אויסדרוק פון דעם דיכטער׳ס זעלבסט־דערקענטעניש, ווי אַן אימאַזשינאַטיווער אויסדרוק פון אַ קנויל פאַרפלאָנטערטע און אָפט ווידערשפּרעכלעכע געפילן און רעיונות:

די נאַכט האָט איינגעשלונגען אין איר אינגעווייד
דיין לעצטן צאַפּל און דיין לעצטן ברום.
אַן אויסגעקוילערטער שוואַרצאַפּל בלאָנקעט שטום
אַרום, וואו דינע נאָדלען זיינען אויסגעזייט
און אויסגעשפרייט אין בלעזלדיקן רויך
פון דיין פאַרקאַטשעטן און אויסגעוועלבטן בויך.
(לויטערע וואַסערן, שליוזעס, קוואַלן, גרינאויגיקע זשאַבעס,
פיש מיט אָנגעשאַרפטע שופן און פלוספעדערן, צעשטיקלטע לבנה־שטראַלן
וואָס פאַלן באלכסון, ווי אין אַ ווינט אַ רעגן שפּריי —
און דו גערירט, פאַרווירט: איז דאָס געווען כדאי?
(קריך ווי דער עלטער־זיידע יעקב, אויף דער לייטער, קריך,
וועסט אים נאָך אָניאָגן — די נאַכט איז גרויס. זאָל דיך ניט אַרן

דער ווייטיק אין דער דיך. אַ היילונג וואַרט פאַר דיינעטוועגן
בלויז — די נאַכט טראָגט דיר אַנטקעגן איר בלויע,
פלעמלדיקע שויס.)
גענעגן זיך מיט אַלץ: געלעכטער און געוויין
איז ווי אַן אָפקלאַנג פון קרישלדיקן שטיין
וואָס זינקט אין רייפן פון אַ טייך אין שויס
און זוכט די גלאַטע זאַמדיקייט פון דנאָ.
גענעגן זיך מיט אַלץ. ביזט מער ניטאָ —
ניט נאָר די נאַכט, נאָר דו אַליין ביזט טרויס.

אויף ערשטן קוק איז דאָס ליד ניט אינגאַנצן קלאָר. דער דיכטער זאָגט אונז ניט אויס וואָס עס האָט באמת פּאַסירט. ניט דיווירקלעכקייט, נאָר איר מעטאַ־פאָרישע פאַרוואַנדלונג זעען מיר. אַז מען לייענט זיך אָבער אַריין אין ליד דערזעט מען אַז קיין זאַך איז דאָ ניט צופעליק, נאָר איז אַן אויסדרוק פון רעיונות, וואָס בליצן אויף אין דיכטערס באַוואוסטזיין, אונטער דעם דרוק פון אַ פייַנלעכן געפיל פון חרטה.

דאָס אינטערעסאַנטע אין ליד זיינען די ריטמישע און בילדלעכע איבער־גאַנגען און קאָנטראַסטן. נאָך דער ערשטער סטראָפע, וואו עס ווערט אין סטאַקאַטאָ ריטם מיט אַ שווערן געפיל פון חרטה געשילדערט עפּעס אַ פּאַסירונג, וואָס רופט, אחר המעשה, אַרויס ביים דיכטער שיר ניט אַ פיזישן עקל, גייען אין אַנדערן, ברייטערן, אָפענעם פלייציקן ריטם צוויי סטראָפעס וואו די בילדער און אימאַזשן דריקן אויס אַ פאַרלאַנג פאַר גייסטיקער און פיזישער לייטערונג און רייניקונג.

דערנאָך אין אַ געשלאָסענער סטראָפע, וואָס איז אגב אָנגעשטאָפּט מיט בילדלעכקייט ביז צו פּלאַצן, קערט זיך דער דיכטער ווידער אום צום פייַנלעכן געפיל פון חרטה, שולד און זינדיקייט. ער וויל אַנטלויפן, זיך געזעגענען מיט אַלץ, „געלעכטער און געוויין איז ווי קרישלדיקער שטיין, וואָס זינקט אין רייפן פון אַ טייך". די „רייפן פון אַ טייך" זיינען ווידער אַמאָל ניט קיין צופעליקייט, נאָר פּאַסן זיך צום גאַנג און אינהאַלט פון ליד, וואָס דערעיקרשט איז דאָס אַ ליד פון וועלן פון זיך אָפּוואַשן דאָס געפיל פון טומאה און אומ־ריינקייט. אין די לעצטע צוויי שורות רעדט זיך ווידער אַמאָל פון געזעגענען זיך מיט אַלץ און וועגן אַ וועלן אַנטלויפן, פון אַ ניט ווערן ביז ניט נאָר די נאַכט, נאָר ער אַליין וועט ווערן בלויז אַ „טרוים".

אין ליכט פון אַזאַ באַנעמען דאָס ליד, הייבט מען אָן צו פאַרשטיין די פאַר־בינדונג פון אַזוינע בילדער און אויסדרוקן ווי „בלעזלדיקער רויך און פאַר־

קאַטשעטער און אויסגעוועלבעטער בויך" מיט „קריך ווי דער עלטער זיידע יעקב קריך" מיט דעם איראָנישן אַקצענטירן דעם „וויטיק אין דער דיך"; מען הויבט־אָן פאַרשטיין די פאַרבינדונג צווישן די בילדער פון דער ערשטער סטראָפע מיט די בילדער אין דער צווייטער סטראָפע: די „לויטערע וואַסערן", „פיש מיט אָנגעשאַרפטע שופן און פלוספעדערן", „צעשטיקלטע לבנה־שטראַלן", „רעגן שפריי" און אַנדערע אויסדרוקן וואָס זיינען טראַדיציאָנעלע סימבאָלן פון לייטערונג.

אין דעם דראַמאַטישן לויף און בייט פון בילדער, אין דעם האַסטיקן און שטראָמיקן ריטם פון די צוויי סטראָפעס, אויסגעשטעלט ווי פראָזע, פילט מען די דרינגלעכקייט מיט וועלכער דער דיכטער וויל זיך באַפרייען פון דעם פיינלעכן געפיל, וואָס די איבערלעבונג האָט אין אים אַרויסגערופן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם לויט דער פאָרם איינציקאַרטיקן ליד „נאַכט", ווייל עס איז אַ מוסטער פון שטיקערס קאָנפעסיאָנאַלער ליריק און פון זיין קאָמפליצירטן און קאָנצענטרירטן אימאַזש, וואָס פאַראייניקט און האַלט צוזאַמען די ווידערשפרעכלעכע געפילן און געדאַנקען — די אַלערליי אידעאָ־לאָגישע און פסיכאָלאָגישע ווידעראַנאַנדן און קאָנפליקטן, דאָס וואַרפן זיך צווישן „ליבשאַפטן און חרטה׳ס", וואָס איז דער עצם פון זיין ליריק.

„קליינע לידער טוען ווי", זאָגט שטיקער אין אַ ליד, אָבער ניט אין דעם ליגט דער פיינלעכער עלעמענט פון זיין ליד. אַ ליד גרויס אָדער קליין טוט ניט ווי. ווי טאָן, טוט די דערפאַרונג וואָס האָט דאָס ליד געבוירן, ווי טאָן טוט דאָס ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין. אין דעם „וואַכן געהער", אין דער „פאַלענדיקער טרער", אין די „צערייצטע ווערטער", וואָס „פלאַצן אויף די אָנגעצויגענע וואונדן" פילט מען די פיינלעכקייט פון דעם געראַנגל:

די ליפּ וואָס ציטערט, די פאַרשעמטע ברעם,
דער בלודנער בליק, דער קלעם פון בלוט —
דאָס אַלץ איז אונטערטעניק צו דער רוט,
וואָס דו אַליין האָסט אויסגעטראַכט אויף דיין געביין.
וועסט אונטערגיין אינאיינעם מיט דעם ווינטיקן געוויין,
די ציין פאַרשטשירעט צו דעם גרינעם פראָסט
אין דער לבנה.............

צי די רוט איז אויסגעטראַכט צי נייִק, סיי ווי טוט זי ווײ און זאָגט עדות אויף אַ פּאַטאַלן שטריך אין דיכטערס כאַראַקטער, פאַר וועלכן ער הערט זיך ניט אויף צו שטראָפן. ער מוז אָפּקומען פאַר דעם „זינקענדיקן זומפּ — דעם ליגן" און פאַר די „וואָרצלען גרינעם גיפט אין די אָדערן".

נאָך דעם „געקלאַפּעריי און געטראַסקעריי" פון דער בעל־פּעור אָרגיע (זע דאָס ליד „בעל פּעור", ז. 85, א. ל.), נאָך דעם „קניען פאַרן געץ אין אויפ־געפלאַמטן שייטער" פון געפילן — קומט די אויסניכטערונג, קומט דער „קלעם פון בלוט", די „פאַרשעמטע ברעם", די „אונטערטעניקייט צו דער רוט" פון זעלבסטשטראָף, קומט דאָס „אָפּריכטן גלות", „באַרוויס" אויף אַ ערד פון „טליענדיקע דערנער שפּראָצן":

איך שפּאַן אַ באָרוויסער
און ווי די נודנע נאַקעטקייט פון אויבן:
מיין בלודנער לייב און מיין געדאַנק.
דער זשעדנער בליק איז אויסגערינען
און נאָר די לוישענדיקע אויערן פאַרנעמען:
אַ וויַיטן זשאַבעשפּרונג אויף דאַרע טראַסטינעס
דעם הילך פון סאַרנע — טלאָען אויף אַ שטיין
און אַ געוויין פון סאָוועס און פון פלעדערמייז....
....

דער אָפּקום־וועג

....ווערט הרודיקער און אויפגעשוואָלן
מיט שאַרפע טליענדיקע דערנער־שפּראָצן,
מיט גוליעס און מיט ביימערפּניאַקן
וואָס שניַידן בראָנדוואונדן אין מיינע פיס.

ווען מען הייבט אָן כאַפּן דעם טיפערן זין פון שטיקער"ס לידער, דעם אינעווייניקסטן, פסיכאָלאָגישן צוזאַמענהאַנג פון זיינע צומאָל ביזאַרע אימאַזשן, הייבט מען אָן איינצוזען, ווי סענסיטיוו ער איז צום מאָראַלישן און ניט נאָר עסטעטישן ווערט פון זאַכן. ער גיט זיך אין די לידער אָפּ אַ דין וחשבון וואָס עס איז עליה און וואָס עס איז ירידה אין דער סקאַלע פון מענטשלעכע ווערטן.

אין דער פּראַכטפולער פּאָעמע „אין אויג פון יאַגואַר", נאָך דעם ווי עס קומט אין איר צום אויסדרוק די עסטעטישע סענסועלקייט פון „ראָז און צוויט", נאָכן „ווינט וואָס פאַרשיכורט ווי אָקעוויט", נאָך דעם „טאַם־טאַם הילך און געוואַי פון האָרן" און נאָך די „בראָנזענע פּרינצעסינס", וואָס „וויגן זיך ווי ציפּרעסן" באַווייזט זיך דער „הויקער פון חרטה", קומט דאָס אומ־ברחמנותדיקע רעאַליזירן, אַז

דער טאָג איז אַוועק ווי אַ וואָלקנבראָך
און איבערגעלאָזט אין האַרץ אַ לאָך....

(„אין אויג פון יאַגואַר", ז. 80)

שוין גאָר פּרי איז ביי שטיקערן געקומען צום אויסדרוק דאָס געפיל פון ויתרוצצו צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן פּאַגאַניסטישער, אָדער ווי ער רופט דאָס „בעל־פּעורישער" טומאה און דער ריינקייט און הייליקייט פון „דאָרנבוש וואָס פלאַקערט":

איך ווייס ניט ווער עס איז געווען זיין מוטער,
איך ווייס אַז די לבנה איז געווען זיין אָם.
זיין פאָטער איז געוועזן דער ניטגוטער —
דאָס ווייס איך פון די טיפע שראַמען אין זיין שטאָם.
איין ברודער איז דער ווינט וואָס אָקערט
די אָדערן פון זיין צעשפּרייטער דיך,
אַן אַנדערער — דער דאָרנבוש וואָס פלאַקערט
און ווערט פאַרצערט און אויסגעברענט אין זיך.

(„ליד צו אַ הויז", ז. 51, א. ל.)

און נאָך פריער, אין דער פּאָעמע „לידער צום אינגל אין גאַליציע", וואו דער פּראָטאַגאַניסט רעדט וועגן זיך ווי וועגן „אַ ספּריטנעם אינד", וואָס יאָגט זיך „איבער הייזער־דעכער", איבער „שול און קלויסטער" העט ביז „אַריבער דעם מולד", וואו אַ גוטע באָבע ברענגט זיסע „מתנות — שטרודל, לעקאַך און וויינבאָנבאָנעס", באַווייזט זיך שוין „דער ניטגוטער" און עס רעדט זיך וועגן „משוגענעם וואַנדל". און עס איז ניט וויכטיק צו די „לידער צום אינגל אין גאַליציע" זיינען אויטאָביאָגראַפיש צי ניט, וויכטיק איז, וואָס אין מיטן אַ אידיליע, אין מיטן פון אַ וועלט, אויסגעזונגען און אויסגעמאָלן ווי אַ צויבער־

מעשהלע, ווערן אַריינגעפּלאָכטן רויע, נאַטוראַליסטישע טענער וועגן „אַ מאַמען אין די פּיארן מיט קייטן אויף די ליטקעס״ און וועגן אַ „טאַטן״, וואָס וועט „שוין זיכער שטאַרבן...אין די לעמבערגער בורגיטקעס״ (זע פינפטע און זעקסטע טייל פון „לידער צום אינגל אין גאַליציע״.)

דער דואַליזם גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך שטיקערס שאַפן. אין דעם ליד „די בלויע בלום״ אין ערשטן בוך, האָט די בלויע בלום, דער טראַדיציאָנעלער סימבאָל פון סאַמע טרוימעריסטישן ראָמאַנטיזם, אַ „געל גרין מויל״ און עס לויערט אויף איר די „קריכלפלאַנץ״, וואָס וועט זי סוף־כל־סוף מיט „שקרופּלעבלעטער פאַרדעקן״.

מיט דער צייט שטאַרקן זיך אין שטיקערס לידער די „שקרופּלעבלעטער״ וואָס „פאַרדעקן״ די „בלויע בלום״. עס שטאַרקט זיך דאָס געפיל פון קאָסמישער דאַרבונג און פאַרדאַרבונג. די יוגנטלעכע ראָמאַנטישע באַרוישונג, דאָס „כוואַליענדיקע בלוט וואָס האָט פייער איבערגעוואויגן״, די סענסועלע פאַרקאָכטקייט אין זאַכן, ווערן אַלץ מער און מער פאַרביטן מיט אַ געפיל פון מידקייט, פון אַנטוישונג, פון גייסטיקער און פיזישער אויסשעפּונג, פון אַ סטיכישער שרעק פאַרן אוראַלטן און ווילדן כאַאָס וואָס, ווי עס דוכט זיך אים, איז גובר אַלץ.

כאָטש זיינע בילדער האָבן זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט מיט אַ געפיל פאַר אָרדענונג, געזעצטקייט און פאַרנונפטקייט, איז אָבער אין זיי פריער געווען אַ יוגנטלעכע „צעברויזטקייט״, אַ ראָמאַנטישע פאַנטאַסטישקייט. די בילדער פון זיינע לידער פאַר די לעצטע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר, כאָטש זיי פאַרמאָגן נאָך אַלץ שעפערישע פאַנטאַסטישקייט און פּאָעטישע רייכקייט, צייכענען זיך אָבער אויס מיט זייער געפיל פון „פּאַנאַנדערפאַל״. די בילדער מאָלן אַ וועלט, וואו אַלץ איז איבערגעקערט, אַ וועלט וואו „שוואַנען מעקן ווי ציגן און בלומען שטשירען פאַרפוילטע ציין״, וואו „דער הימל איז ניט בלוי און ניט גרוי, ניט קופּער און ניט שאַרלאַך־רויט״, איז פּאַקטיש „אינגאַנצן קיין הימל ניט, נאָר אַ פייכטע ליימיקע סטעזשקע, אָן זון, אָן לבנה און אָן שטערן״. אַלץ דאַרבט, אַלץ שטאַרבט, אַלץ ווערט צעפאַלן:

אין שטויב פון שטיין,
אין זון־צעפּראַל,
אין שטאָטס געוויין,
אין אַפּפאַל פון קאַנאַל,
אין שריי פון יאָ און ניין —
פאַנאַנדערפאַל.
אין מאָס און וואָג,
אין ביטערגאַל,

אין דימענט וואָס איז טאָג,
אין נאַכטיקן אָפּאַל,
אין אַלץ וואָס איך פאַרמאָג —
פאַנאַנדערפאַל.
אין גרויל פון מאָרד,
אין מויל פון בעל,
אין זילב, אין וואָרט,
אין אות, אין אַל
וואָס איך פאַרמאָג —
פאַנאַנדערפאַל.

(ז. 75, א. 5.)

פאַרשטייט זיך אַז עס רעדט זיך דאָ וועגן די הויפּט־מאָמענטן אין שטיקער׳ס וועלט־געפיל און וועלט־פאַרשטעלונג. עס איז פאַראַן אין זיינע לידער חוץ די דראַמאַטישע קאָנטראַסטן און שאַרפע איבערגאַנגען אין בילד און געפיל אויך ניואַנסן, — ניואַנסן פון שפּירונג און שטימונג. די ניואַנסן געבן צו פאַרב און קלאַנג צו שטיקער׳ן ליד, אָבער ענדערן ניט דעם תוך פון זיין וועלט־פאַרשטעלונג.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס עס רעדט זיך אַזוי אָפט אין זיינע לידער וועגן אַנטלויפן פון דער וועלט פון „פאַנאַנדערפאַל״, פון דעם „עולם התוהו״, וואו, ווי דער קוימענקערער אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער סאַרנעס קלאָען״, זאָגט:

א בוים איז קיין בוים ניט און די הימלען די גרויע
זיינען מיט אַש און מיט סאַזשע פאַרצויגן....

דער קוימענקערער האָפט זיך נאָך ווען צוריקצוקערן אַהין וואו

.....פון קאַרשנביימער פאַלט אַצינד דער צוויט
און פונקען שפּריצן פון דער סאַרנעס טלאָען —
פאַרחלשט וועל איך ווידער נאָכגיין אירע טריט
און איינזאַפּן איר אָטעם אין שפּעט־אָווונטיקע שעהן.
איך וועל ווידער אַנטלויפן פון דעם עולם התוהו.
וואו אַ בוים איז קיין בוים ניט און די גרויע
הימלען האָבן איבערגעצויגן
מיט אַש און סאַזשע מיינע אויגן.

דער דיכטער אָבער האָט ניט אַזוינע האָפענונגען. ער ווייסט, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן צו „יענע מקומות, וואו אַ טייך איז אַ טייך און אַ בוים — אַ בוים איז“. ער זעט ניט נאָר אויף דער וואָר אַ וועלט פון „פאַנאַנדערפאַל“, נאָר אַפילו אין חלום זעט ער אַ וועלט פון שרעק און אומקום.

אין אַנטרינונג בלייבט פאַר אַ שעפערישן מענטשן, וואָס איז אַפּאָליטיש, אַסאָציאַל און אויך ניט קיין גרויסער מאמין, — וואָס האָט בכלל ניט קיין אילוזיעס. די אַנטרינונג איז דאָס ליד, וואָס אַז עס קומט ברענגט עס שאַפונג־פרייד, לייטערונג, געשטאַלטונגען אַנשטאָט פאַנאַנדערפאַל, באַפרייאונג פון דעם נאָגענדיקן שולד־געפיל. דאָס ליד איז ביי אים אַן אַקט פון צונויפשטעלונג, אַפילו ווען עס רעדט זיך פון פאַנאַנדערפאַל, איז שיין אַפילו ווען עס רעדט פון מיאוסקייט, איז איידל אַפילו ווען עס רעדט וועגן אַ „לבנה וואָס האָט זיך פרעך צעלאַכט“, איז גוט אַפילו ווען עס רעדט פון שלעכטס. עס איז די באָדלערישע שיינקייט, דער צויבער פון די „בלומען פון שלעכטס“.

דעם דאָזיקן קולט פון ליד און פון שעפערישן אַקט אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר אַלע דורכפאַלן, אַנטוישונגען און שפלות׳ן אין לעבן, האָט שטיקער געירשנט פון די „יונגע“. די טראַדיציע פון ליד אַלס דאָס העכסטע גוטס האָבן אַריינגעבראַכט לאַנדוי, מאַני לייב, ראָלניק, אייזלאַנד. (ביי לייוויקן האָט דער ליד־קולט אַנדערע מאָטיוון און אַן אַנדער באַדייטונג ווי ביי די דערמאָנטע פּאָעטן. ביי לייוויקן זיינען די מאָטיוון רעליגיעזע, דאָס ליד איז ביי אים אַ וועג צום אולטימאַטיוון און אַבסאָלוטן.)

אין ערשטן בוך איז דער קולט פון ליד ביי שטיקער׳ן געוועזן גאַנצער און האָפערדיקער. פון דעם „אויפגעוואַכטן קלאַנג“ און דעם „גאָלדענעם רויש“ פון די לידער צו רילקען אין ערשטן בוך, איז איצט געוואָרן אַ „ליד פון פאַרגיין“, געוואָרן קלאָגלידער אויפן טויט פון באַליבטע פּאָעטן. אַפילו דאָס ראָלניקישע „שטילע וואָרט... רינט אויס אין שאָטן פון דער רוט“. פון לאַנדוי׳ס „נאַכטיגאַלן וואָס (ער לאַנדוי) האָט דאַן דורך די נעכט געהיט אין אָפּקלאַנג פון לבנה־שטראַלן“ איז איצט לויט שטיקערן געוואָרן אַן „אויס־געשטאָפּטער סאָלאָוויי:

ברידער מיר ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מידער, מידער,
די רויז וואָס האָט אַמאָל געבליט ביי אונדזער הויז
איז איצט בלויז חוזק אין אונזערע לידער.
אין אונזער אַלקער שטומט דער אויסגעשטאָפּטער סאָלאָוויי.
דער קראָיס געקריי טוט אונז שוין מער ניט וויי.

מיר ווערן וואָס אַמאָל נאָר מידער, מידער, מידער
פון דעם קידער־ווידער..............
....

(ז. 133, א. ל.)

נאָר אַפילו איצט, ווען „דאָס ביסל גאָלד, וואָס האָט געליטערט אונזער לשון, בלוטיקט אויפן עשאפאָט", איז דאָס וואָרט שיר ניט דער איינציקער שטראַל פון ליכט, וואָס קען, זאָל כאָטש זיין אויף אַ רגע, אויפברעכן דעם חושך פון די „וואָלקנס וואָס הענגען שוואַרץ און אַנגעפּוישט". און בלויז דורך דעם ליד קען מען פון „געצנדינערישן שוידער", פון „בעל־פּעור דעם גאָט", פון די וויסטעס פון דעם חורבן־לאַנד, וואו „געבליבן איז ניט מערער ווי קרוכלער שטויב פון וואָרים און פון קראָט", — קומען „אין האַרץ פון באַרג" און זינגען:

א לויב צו גאָט פאַר זיינע וואונדער,
וואָס ער האָט מיך געבראַכט אַהער,
אַז איך זאָל קענען איבערלאָזן
אין האַרץ פון באַרג אַ קליינע טרער.
די טרער וועט פליסן און זיך שפּרייטן
צום טויטן און פאַרצערטן דרויב,
און קראָט און מוראַשקעס און וואָרים
ווידער אויפלעבן פון שטויב.

(„לויב", ז. 68, א. ל.)

ווייל שטיקער גלויבט אין ליד האָט ער אויפבאַוואָרנט זיין פאָרמע און שיינקייט. אין אונטערשייד פון אַ סך מאָדערניסטן איבער גאָר דער וועלט, וואָס האָבן אויף דער דיסהאַרמאָניע אין זאַכן, געענטפערט מיט דער דיסהאַרמאָניע פון ליד, אויף דער פאָרמלאָזיקייט און כאַאָס אין דער וועלט געענטפערט מיט אייגענער פאָרמלאָזיקייט, האָט שטיקער טראָץ זיין קאָסמישן חורבן־געפיל, אויפגעהיט די האַרמאָניע און עסטעטישע גילטיקייט פון זיין פּאָעזיע. אַפילו משה לייב האַלפּערן, דער אַרי שבחבורה, האָט זיך איין צייט ניט אויסגעהיט פון ענטפערן דער וועלט אויף איר מיאוסקייט און כאַאָטישקייט מיט בכיוונ־דיקער אַנטי־פּאָעטישקייט.

כאָטש שטיקער האָט „ווערטער צערייצטע" פון אַ מאָדערנעם פּאָעט האָט ער אָבער אויך ווערטער וואָס זעטיקן די צערייצטקייט, זאַפטיקע ווערטער,

וואָס ווערן אַרויסגערעדט, ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ ליד, „מיט ליפּן פולע ווי מאַנדעלקערן".

די נעגאַטיווע מאָמענטן אין זיין פּסיכיק גיט ער אין אַ ליד אַ פּאָזיטיווע פּאָעטישע פאַרוואַנדלונג. זיין דואַליזם, זיין צעשפּאַלטנקייט, זיינע קאָנפליקטן און גייסטיקע ווידערשפּענערן, געפינען אויסדרוק ניט נאָר אין דעם דראַמאַטישן אימאַזש, נאָר שפּיגלען זיך אויך אָפּ אין דעם דראַמאַטישן אויפבוי פון אַ טייל פון זיינע לידער. אַ צאָל פון זיינע בעסטע לידער זיינען אויפגעבויט ווי אַ שמועס צווישן אים און אַ אימאַזשענערן באַגלייטער. זיי האָבן אין זיך עפּעס פון אַ דועט, אָדער פון אַ צוויי־שטימיקייט. צי דאָס איז אַ באַוואוסטזיניק רעטאָריש מיטל, צי דאָס איז אַן אינטואיטיווער אופן פון לאָזן דאָס ליד פון זיך אַליין זיך אויסגעשטאַלטיקן — אַזוי צי אַזוי, ווערט דורך דער דראַמאַטישער צוויי־שטימיקייט פאַרשטאַרקט די עמאָציאָנעלע ווירקונג פונם ליד.

שוין גאָר אין די ערשטע לידער שטיקערס געפינט מען דעם דראַמאַטישן פרעג, דאָס איבעררײדן זיך פון שורות און גאַנצע סטראָפעס:

ווי אַזוי האָב איך זיך דעמאָלט אויפגעכאַפּט
אויף האַרטער ערד און ביי אַ פרעמדן פּלויט?
אַ קראָ האָט מיט די פליגל ווילד געקלאַפּט,
אַ וואָלקן האָט איבער מיר געגרויט.
פון וואַרימע פיר ווענט, פון ווייכן איבערבעט
איז בלויז אַ שווערער טשאַד פאַרבליבן, —
אַ פאַסטוך האָט אַ טשאַטע קי געטריבן
און שטילערהייט צו זיך אַליין גערעדט.
וואו זיינען דיינע האָר, די אויגן און דער שטערן?
איך קען זיך ניט, איך קען זיך ניט דערמאָנען—
ווי שנייען האָט דער ווינט פאַרווייט
דיין פּנים און דיין אָנדענק ווייט פון דאַנען.

די ציטירטע סטראָפן זיינען פון אַ ליד מיטן נאָמען „דאָס קלאָגליד אויפן טויט פון אַ מיידל", וואָס שטאַמט וואַרשיינלעך נאָך פון די צוואַנציקער יאָרן און געפינט זיך אין ערשטן בוך. אויף אַן ענלעכן אופן איז אויך אויפגעבויט דאָס רייך־אָרקעסטרירטע ליד „צו דער בלויער בלום", אויך אין דעם ערשטן בוך. און די זעלבע צוויי־שטימיקייט, דער זעלביקער דראַמאַטישער אופן פון פאַרברענגען און אַרויסברענגען אַ ליד, הערט זיך אין דעם „קלאָגליד אויפן טויט פון פופציק האַרבסטן", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט אַ וואָסער

פערטל יאָרהונדערט שפּעטער און איז אַגב איינס פון שטיקערס שטאַרקסטע לידער און איינס פון די בעסטע לידער, וואָס זענען דאָ אויף דער טעמע אין אידיש:

איך שטעל זיך אָפּ און פרעג: וואָס איז פון אַלץ געוואָרן?
גאָרניט — ענטפערט מיר דער פלאַקערדיקער דאָרן.

....

איך וועל אומגיין אויף דער שמאָלער סטעזשקע צער,
וואו ווערבעס וויינען מיט אַ נאָגנדיק געוויין,
וואו וואָלקנס הענגען אָנגעשוואָלן שווער און שטאַר
און בלינדע בלומען שטשירען פוילע ציין.

....

איך וועל אַליין אַרומגיין אויפן שמאָלן שליאַך,
וואו טונקעלע פייגל רופן מיך באַם נאָמען אָן.
וואו קלעטערפלאַנצן ריידן מיט אַ בייזער שפּראַך
און שטערן — אין אַן אָנפאַל פון שגעון —
פאַלן אויף מיין קאָפּ ווי דריבנע זערנעס מאָן.
איך בין אַהער געקומען אין דער רעכטער צייט,
אַן איינזאַמער, געשלאָגענער און אַלטער מאָן.
די ביינער אויסגעטריקנט ווי ביי אַלטע לייט,
האַלב־וואַכנדיק און האַלב אין שלאָף מיין לעצטער שפּאַן.
איך ווייס אַז וואָס איך זוך איז דאָ פאַראַן.
וואָס זוכסטו? פרעגסטו מיך. אַ, וואָס איך זוך?
דאָס אָפּגעציטערט אינגל מיט די גלאַנצנדיקע שיך,
דעם פוילנדיקן בעז אין זיינע אויגן, דעם גערוך
פון רויך אין האַרבסט ווען באַנען יאָגן גיך.
דו פרעגסט מיך וואָס איך זוך? — זיך.

די „שאלות און תשובות”, וואָס מען טרעפט אַזוי אָפט אין שטיקער'ס לידער זיינען ניט נאָר אַן אַרכיטעקטאָנישער פּרינציפּ, ניט נאָר אַ סטיליסטיש פאָרטל. עס איז פאַראַן אין דעם ווענדן זיך צו אַן אימאַזשינערן מיטגייער, צו אַ שטענדיקן באַגלייטער — אַן אינעווייניקסטע באַדייטונג. עס איז דאָס שטענדיקע דראַמאַטישע איבעררײדן און אויסטענה'ן זיך שטיקערס מיט זיין פּאָעטישן איך, דעם „פלאַקערדיקן דאָרן”, מיט זיין, אויב מען וויל, פּאָעטישן געוויסן און העכערן מאָראַלישן באַוואוסטזיין, וואָס פאַרצייכנט אַלץ, וואָס וועגט און מעסט, וואָס פירט און מאָנט אַ חשבון פון אַלעם איבערגעלעבטן און אָפּגעטאָענעם און וואָס גיט זיין פּאָעזיע איר העכערן זין פון אַ מאָראַלישן קאַטאַרזיס.

נאַטירלעך — דער זין דערפֿון ליגט ניט אויבנאויף, איז ניט כּהאַלישנאַדיק. מען דאַרף דאָס אַרויסלייענען פֿון די בילדלעכע קאָנטראַסטן, פֿון די מעטאַפֿאָרן און סימבאָלן, וואָס זיינען ניט זעלטן בכיוון און ניט־בכיוון שיר ניט ווי פֿאַרשיפֿרירט. אָפֿט קען מען כאַפּן דעם מיין און די כּוונה פֿון אַזוינע מעטאַפֿאָרן און סימבאָלן בלויז אין קאָנטעקסט פֿון אַלע זיינע לידער. שטיקער האָט זיך זיינע שליסל־ווערטער, זיינע עפּיטעטן, וואָס חזרן זיך איבער אין די לידער. ניט נאָר איז זיינס אַ ליד מעטאַפֿאָריש און די מעטאַפֿאָרע, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן איז דער עצם פֿון שטיקערס דענקען און באַנעמען זאַכן, נאָר איז אויך אַלעגאָריש, ווי דאָס איז דאָס זייער אינטערעסאַנטע ליד „געשפּרעך“ (ז. 96, א. ל.), וואו עס רעדן צווישן זיך אַ בוים און אַ וואַנדערער.

סיי אין דעם ערשטן בוך, סיי אין דעם צווייטן זיינען פֿאַראַן לידער, וואו שטיקער האָט ליב, נוצענדיק באַדלערס אַ באַרימטן אויסדרוק, זיך „פֿאַרשטעלן מיט אַ וואַלד פֿון סימבאָלן“. ער איז בכלל אַ דיכטער, וואָס האָט ניט ליב צו טראָגן זיינע סענטימענטן, ווי מען זאָגט אין ענגליש „אויפֿן אַרבל“. ער דעקט ניט אָפֿט אויף די אומשטאַנדן, וואָס האָבן אים געפֿירט צו אַ ליד.

אין אַזוינע לידער ווי „דער פֿאַרטריבענער זון“, ז. 107, „אין אויג פֿון יאַגואַר“ און אַ סך אַנדערע לידער פֿון דעם מין איז שטיקער גאַרניט פֿאַר־אינטערעסירט אויפֿצודעקן אַלץ וואָס איז זיך מיט אים פֿאַרלאָפֿן. דאָ איז ער יאָ מגלה אַ טפח ומכסה טפחיים.

עס זיינען אָבער ביי אים דאָ אַ צאָל לידער, וואָס מיר וויסן גענוי זייער געגנעזיס און מיר קענען וועגן זיי אורטיילן לויט דער וואָר, וואָס האָט זיי אינספּירירט. שוין אָפּגערעדט פֿון אַזאַ כּמעט פּאָליטיש ליד ווי „די רויטע לויה“, וואו שטיקער גייט אַרויס פֿון דעם גדר פֿון פּערזענלעכן און מיסטעריעזן. אויך אין אַ צאָל אַנדערע לידער קענען מיר זען ווי שטיקער רעאַגירט אויף זאַכן אויסער אים. למשל, אין ערשטן בוך, אין אַזאַ ליד ווי „אין אַ דורכגעשטרייפֿטן זייל פֿון דער זון“ און אין צווייטן בוך אין אַזאַ ליד, אַדער ריכטיקער, פּאָעמע, ווי „בלוט אין מיסיסיפּי“. אין ערשטן פֿאַל האָט דאָס ליד צו טאָן מיט זיינעם אַ חבר און אין דעם צווייטן פֿאַל איז דאָס ליד אָנגעשריבן געוואָרן אונטער דעם איינדרוק פֿון אַ לינטשינג אין מיסיסיפּי.

אין די דאָזיקע לידער, וואָס אין תּוך פֿון זיי ליגט אַ וואָרהאָפּטיקע פּאַסירונג, וואָס האָט דירעקט ניט צו טאָן מיטן דיכטער, קען מען זען ניט נאָר שטיקערס מאָלערישע מעלות, זיין רייכע באַגאַבונג פֿאַרן וואָרט און זיין כּוח פֿאַר פֿאַרביקער פֿראַזירונג, נאָר מען קען אויך זען, אַז אים גייען־אָן ניט נאָר זיינע אייגענע „ליבשאַפֿטן און חרטה׳ס“, נאָר אַז ער קען זיך אויף אַ דיכטערישן אופֿן אויך משתּתּף זיין אין דעם צער פֿון אַן אַנדערן.

אין דעם ליד „אין אַ דורכגעשטרייפטן זייל פון דער זון" זעט מען ווי דאָס אויג פון דיכטער האָט אויפגעקליבן פון דערווירקלעכקייט אַלע יענע דעטאַלן וואָס געבן דעם בילד אַ „לאָקאַל העביטיישאַן ענד אַ ניים" און אין „בלוט אין מיסיסיפּי" פילט מען דעם מיטאַמאַליקן ברי און ברען, די מאַראַלישע אויפּרעגונג, וואָס האָט סטימולירט זיין פאַנטאַזיע און זיין וואָרט־כוח. דאָס ליד „בלוט אין מיסיסיפּי" צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט אַלע קינסטלערישע מעלות וואָס שטיקער האָט, נאָר אויך מיטן עכטן אידישן פּאַטאָס, מיט פלאַמיקן צאָרן געגן דער נבלה וואָס איז אין מיסיסיפּי באַגאַנגען געוואָרן, ווען מען האָט דאָרט געלינטשט אַ 14־יאָריקן נעגער־אינגל. ניט אומזיסט האָט ש. ניגער, אין זיין באַגייסטערטן אָפּרוף וועגן דער פּאָעמע, באַזונדערס אויסגעטיילט איר „נביאישן" גייסט.

די פּאָעמע באַשטייט פון דריי טיילן: אין דער ערשטער טייל ווערט אין קאָנצענטרירטע אימאַזשן און אין אַ סטאַקאַטאָ־ריטם איבערגעגעבן דער גרויל און די שרעק, וואָס די בלוטיקע טאַט האָט ממש אויף אַן אַפּאָקאַליפּטישן אופן אויסגעשפּרייט איבער מיסיסיפּי:

א בלינד־בלאָנדער טיגער
מיט קרעציקע ריפּן,
שפּרייט זיין שאָטן
איבער מיסיסיפּי.

אין דעם צווייטן טייל ווערט אויף אַ באַלאַדיש־דראַמאַטישן אופן געשילדערט די בלוטיקע טאַט גופא און אין דעם דריטן טייל ווערט געגעבן דירעקטער אויסדרוק פון דיכטערס צאָרן און פון דער פּאַטאָספולער זיכערקייט אַז דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט וועט סוף־כל־סוף אויפגעמאָנט ווערן:

אַ, שטאַלטנע זין פון אַלטע האָרן,
אייער בלוט וועט וויאָנען, אייער שטאַם וועט דאָרן.

נאַטירלעך, זיינען ניט אַלע לידער ביי שטיקערן פון גלייכן ווערט. עס טרעפט אַז זיינס אַ ליד איז בלויז סקיצירט, צו־פראַגמענטאַריש, דער מאָטיוו איז ניט אַנטוויקלט אין זייער פולער מעגליכקייט. אַפילו אין זיינע בעסערע לידער טרעפט מען ניט פאַנאַנדערגעאַרבעטע שורות. ער פאַרלאָזט זיך שוין אָפּנים צופיל אויף דער אינספּיראַציע.

עס איז, פֿאַרשטייט זיך, גוט, ווען דער שטאָף פון אַ ליד קומט פון דער טיף, פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין. מען דאַרף אָבער ניט זעלטן שווער אַרבייטן אויסצופּלאָנטערן און אויסצולייטערן דעם קנויל ווערטער און אימאַזשן, וואָס קומען פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין. נישט שטענדיק האָט שטיקער, זעט־אויס, דאָס נויטיק שרייבערישע געדולד דאָס צו טאָן.

אין איינציקע פֿאַרטיק צו ווערן מיט אַ ליד טרעפט אַז ער שטורעמט צו אַ טעכנישן סוף, אַדער אַ פּערז, וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אין ריטמישן גאַנג פון ליד. ער קאָנטראָלירט צומאָל ניט די אימאַזשן און זיי קומען אַרויס פֿאַרפּלאָנטערטע און געמישטע ווי זיי וואָלטן געהערט צו פֿאַרשיידענע לידער.

אַמאָל דערפֿירט שטיקערן די רייכקייט אין שפּראַך צו „אָנגעפּוישטע“ בילדער, צו שורות, וואָס זיינען צו רייך אָרנאַמענטירט און וואָס האָבן אין זיך שיר ניט אַ מין ראָקאָקאָ־שווערקייט, ווי אין דעם ליד „דזשעסיקאַ“:

אויסגעצערטלט, אויסגעוואַרעמט, אויסגעהיט,
אין שאָרכנדיקן זייד, אין טונקעלען גלאַנץ פון איידעלשטיינער.
דיינע טריט זינקען אין פּוילנדיקן צוויט,
דו קוקסט מיט קנאה אויף דער וואָרקנדיקער טויב
וואָס הויבט זיך אויף און פֿליט.
נאָר אין אַן אויסגעשטערנטער סופּזומערדיקער נאַכט —
די שטערן וועלן גליען ווי געגנבעטע דוקאַטן —
וועסטו אַנטלויפן אָן אַ זיי געזונט דעם טאַטן
און אייביק הערן ווי לאָרענצאָ לאַכט.
און דו דזשעסיקאַ וועסט שטענדיק וויינען.

אין דעם ליד „דזשעסיקאַ“ פּאַסט זיך נאָך אפשר אַזאַ רייך־אָרנאַמענטירטער סטיל. אין אַנדערע לידער איז ניט נאָר וואָס פֿאַר דעם זין פון ליד איז זיך שווער דורכצושלאָגן, נאָר עס איז אויך שווער פֿאַר דעם לירישן שטראָם פון ליד זיך דורכצושלאָגן.

בכלל האָט שטיקער געקענט מער אויפטאָן ניט נאָר אין פּרט פון לירישע און פּאָלעמישע לידער, נאָר אויך אין פּרט פון האַלב־עפּישע, אָדער דער־ציילערישע לידער. אַזוינע לידער ווי „דאָס מיידל רעדט“, „אין אייגענעם געוויין“, אין ערשטן בוך; „מיין ווייב דערציילט“ און די „זעקס געדענק־טאָוולען“ אין צווייטן בוך, זאָגן עדות, אַז אויפן געביט פון פּאָעטישער דער־ציילערישקייט און פיגור־געשטאַלטונג האָט ער געקענט מער אויפטאָן און ניט אָפּקומען בלויז מיטן „פירוואָרט צו אַ ניט־געשריבענער עפּאָפּייע“.

❋

די סאַמע לעצטע אָפּטיילונג אין בוך „אידישע לאַנדשאַפּט", וואָס הייסט „בריוו צו ניו יאָרק פון דער פרעמד", האָט בלויז 9 לידער. זיי זיינען, ווי עס זעט אויס, די סאַמע לעצטע לידער וואָס שטיקער האָט אָנגעשריבן פאַר דער דערשיינונג פון בוך. די לידער טראָגן אַן איינהייטלעכן כאַראַקטער און האָבן אַ דערקאָנבאַרע טעמע. זיי זיינען געשריבן קלאָר און פרעציז. די בילדלעכקייט איז ניט אַזוי „אָנגעפּוישט" און ניט אָנגעוואָרפן מיט אַזאַ פּזרנות, ווי אין שטיקערס אַנדערע לידער. וואָס זיי פאַרלירן אין רייכקייט פון אויסדרוק געווינען זיי אין צמצום, אָפּנקייט און אין דירעקטקייט. מען ווייסט גענוי דעם „וואָרום און דאָרום" פון ליד. ער שעמט זיך ניט און באַהאַלט זיך ניט מיט זיינע געפילן, אַפילו ווען זיי פאַלן אַריין אין אַ געוויסער סענטימענטאַלקייט:

וואו בין איך געלאָפן און פון וועמען
בין איך אַנטלאָפן און פאַרוואָס?
ווען מען זאָל קענען מעסטן טרויער מיט אַ מאָס
וואָלט איך זיך גאָרניט וואָס געהאַט צו שעמען.
כיהאָב ניט געוואוסט ביז איצט וואָס איך פאַרמאָג,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן אין מיין לעבן.
ווען מען זאָל קענען וועגן טרויער אויף אַ וואָג,
וואָלט איך געהאַט אַ סך אַוועקצוגעבן.
דו האָסט מיט גינגאָלד אָנגעפילט מיין שייער
און איך האָב אויסגעביטן עס אויף ברויט.
ערשט איצטער ווייס איך ווי דו ביזט מיר טייער,
ערשט איצטער ווייס איך אַז דו ביזט מיין בלוט.

זינט דאָס בוך „אידישע לאַנדשאַפּט" איז דערשינען אין 1958 האָט שטיקער אָפּגעדרוקט אַ צאָל לידער אין צייטונגען און זשורנאַלן. דאָס רוב פון זיי קורצע לידער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט צמצום, אָפּענקייט, דירעקטקייט, לירישער פאַרטיפונג און רייפקייט פון געפיל און געדאַנק. אין די דאָזיקע לידער שטייט שטיקער אָפטער פאַר דער מיסטעריע פון טויט, ווי פאַר די נסיונות פון לעבן, ווי צום ביישפּיל אין דעם ליד מיטן נאָמען „מיטן־נאַכטיקער געשפּרעך":

איך זאָג צום קברן: וואַרף אַוועק
די קאַלטע לאָפּעטע אויף דער ערד.
אַ מנין יידן מיט צעווינטיקטע בערד,

און שטערנס טיף צעאַקערט פון שרעק
רינגלען אַרום דאָס בערגל דאָ
אין דער גרויער, מיטנאַכטיקער שעה.

דער קברן ענטפערט: נאַכט נאָך נאַכט
נעם איך אַריין אין קלעם פון מיין פויסט
די ערד פון קבר וואָס וואַרט אַנטבלויזט,
דעם ווינט און די שטערן, און הער ווי עס לאַכט
דער טויט אויפן קליינעם בערגל דאָ
אין דער גרויער, מיטנאַכטיקער שעה.

איך זאָג צום קברן: דיינע רייד
פון ווינט און שטערן, קויט און טויט,
פאַלן אויף מיין הויט ווי שרויט.
דאָס ווילדגראָז אויף דער קבר־בייט
ווערט זוביסלעכווייז פאַרברענט
ביים אָנבאַריר פון דיינע הענט.

דער קברן ענטפערט: כיהאַלט אין קלעם
דעם ווינט, די שטערן און די נאַכט
וואָס האָבן מיך אַהער געבראַכט,
און צירקל אויס אַ דיאַדעם
אַרום דעם קליינעם בערגל דאָ
אין דער גרויער, מיטנאַכטיקער שעה.

צי איז דאָס אַן אָנהויב פון אַ נייער פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון שטיקער׳ס ליד, איז נאָך פרי צו וויסן. וואָס עס זאָל אָבער ניט זיין די ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג פון שטיקער׳ס ליד — דאָס וואָס ער האָט ביז איצט באַוויזן אויפצוטאָן, איז גענוג ער זאָל פאַרנעמען אַן אויבנאָן צווישן די סאַמע בעסטע אידישע פאָעטן פון אונדזער צייט.

געזעצט און געדרוקט בײַ
מאַרסטין פּרעס, אינק׳,
228 איסט 45 סט׳, ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן

438